## מפרשת מקץ עד פרשת בא תשע"ז

## פרשת מקץ - ויחי כ"ה כסלו – ט"ז טבת תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת מקץ***

בשעות הערב (ליל ב' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בין המשתתפים נוכחו: **הרה"ג רבי ישכר בעריש וויינבערגער שליט"א** אב"ד טורקא, **הרה"ג רבי נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א** ראה"כ סאטמאר (וומסב"ג).

באמירת הדברי תורה האריך **רבינו שליט"א** בדין הידור מצוה בפתילות המנורה, ובמחלוקת רש"י ותוספות אי מצות ואנוהו מעכב, והאם הוי דאורייתא או דרבנן ועוד. וסיים בדברי אגדה בענינא דיומא.

*

***יום שני פרשת מקץ***

בשעות הערב (ליל ג' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בין המשתתפים נוכחו: **הרה"צ רבי דוד ראזענבוים שליט"א** האדמו"ר מקאלבסוב, **הרה"ג רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א** אב"ד חליסה (ב"פ), **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודא בב"פ, הרה"ג **רבי אליעזר ליפא זילבערמאן שליט"א** מראצפערטא, וראה"כ אונגוואר, **הרה"ג רבי ישעי' גדלי' קויפמאן שליט"א** דומ"ץ קראלי.

באמירת הדברי תורה המשיך **רבינו שליט"א** בדין הידור מצוה אי הוי עיכוב רק בעושי המצוה, או גם במצוה גופיה, והמסתעף בזה לענין הדלקת המנורה במקדש. – וסיים בדברי אגדה לבאר ענין הנסים שעשה ה' עם ישראל, שהיתה על ידי שהאיר בתוך החשיכה, ונתהפך עצם הרעה לטובה.

*

***יום שלישי פרשת מקץ***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **שמעון מרדכי ראטענבערג** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לבקר את ש"ב הרה"ג רבי **חיים הערש עהרענרייך** שליט"א, הרב משאמלויא.

בשעות הערב (ליל ד' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בין המשתתפים נוכחו: **הרה"ג רבי שמשון ציננער שליט"א** אב"ד תבואות שמש, **הרה"ג רבי אפרים צבי ראזענבערג שליט"א** דומ"ץ צמח צדיק וויזניץ (וומסב"ג), **הרה"ג רבי ברוך בעק שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד מעלבארן שליט"א, מרביץ תורה בת"ת בב"פ).

באמירת הדברי תורה המשיך **רבינו שליט"א** עוד בגדר דין הידור מצוה בציצין המעכבים את המילה, ובגדר מצות מילה דהוי מצוה נמשכת תמיד, ובמילת גר אי הוי מצוה שהרי גוי הוא, ואי שייך כלל אצלו המשך מצוה כל ימי חייו.

*

***יום רביעי פרשת מקץ***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **שאול בנימין שטרייכער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש ברכת מנחם. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הצהרים מילאו מאות ילדי התשב"ר של מוסדותינו הק' וויליאמסבורג – בארא פארק – מאנסי את היכל בית מדרשנו בוויליאמסבורג, כולם התאספו יחד למעמד ומסיבת חנוכה בראשות **רבינו שליט"א**.

הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א מנהל הת"ת בוויליאמסבורג פתח את המעמד, וכיבד את **הרה"ג רבי ברוך מאשקאוויטש שליט"א** אב"ד יאמפאלי מנהל הת"ת במאנסי לישא מדברותיו. אחר פרקי שיר וזמירות לכבוד היום, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לילדי המוסדות. עם סיום המעמד עברו כל תלמידי התתי"ם לקבל מעות חנוכה מידו של **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסען די טייערע חשובע קינדער וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו די מסיבה פון חנוכה. מען האט פריער געהערט, ווי דער מנהל האט אזוי שיין ארויסגעברענגט דעם ענין פון יום טוב חנוכה, אז די פראבלעמען וואס מיר האבן געהאט פון די

יוונים האט זיך נישט אפגעשטעלט דעמאלטס, נאר עס איז געבליבן אויף אלע דורות, און יודען דארפן זיך מחזק זיין, און גיין בדרכי התורה.

**די** טעג ווערן אנגערופן די טעג פון חנוכה. פארוואס הייסט עס חנוכה? די פשוטע פשט איז, ווייל חנוכה איז די ווערטער חנו כ"ה. דעמאלטס ווען מען האט באזיגט די יוונים, און מען איז אריינגעקומען אין בית המקדש, און מען האט געטראפן דעם פך שמן, און מען האט אנגעצינדען דערפון די מנורה, איז געווען פינף און צוואנציג טאג אין כסלו. חנו, זיי האבן גערוהט, כ"ה, אין דעם פינף און צוואנציגסטען טאג אין כסלו. עס שטייט אבער אין הייליגע ספרים, אז עס ליגט נאך א רמז פארוואס מען האט עס א נאמען געגעבן חנוכה.

**עס** שטייט אין די גמרא (סוטה מב.) אז בשעת יודען זענען ארויסגעגאנגען פירן א מלחמת מצוה, זענען ארויסגעגאנגען די גאנצע מיליטער פון כלל ישראל פירן די מלחמה. און דער כהן משיח מלחמה, דער כהן וואס איז געווען געזאלבט אנצופירן די מלחמה, האט געזאגט א דרשה פאר די מיליטער וואס איז ארויסגעגאנגען פירן די מלחמה, און ער האט זיי מחזק געווען. און ער האט אנגעהויבן זיינע ווערטער, שמע ישראל, הערטס צו יודען, אתם קרבים היום למלחמה, עטץ גייטס היינט נאנט צו א מלחמה, על אויביכם, אויף ענקערע פיינט (דברים כ-ג). זאגט רש"י, ווי קומט אהער 'שמע ישראל'? ער וואלט נאר געדארפט זאגן, אתם קרבים היום למלחמה. זאגט רש"י, אז דער כהן משיח האט זיי געזאגט, עטץ זאלסט ענק מחזק זיין. אפילו יודען האבן נישט נאר די איינע זכות פון שמע ישראל, אז זיי ליינען יעדן טאג קריאת שמע, איז דאס גענוג אז עטץ זאלטס קענען באזיגן ענקערע פיינט. 'שמע ישראל', מיט די מצוה פון שמע ישראל, 'אתם קרבים היום למלחמה', קען מען צוגיין צו די מלחמה.

**וואס** איז אזוי גרויס דער זכות פון קריאת שמע? מיר ליינען יעדן טאג צוויי מאל קריאת שמע, צופרי און ביינאכט, קריאת שמע של שחרית און קריאת שמע של ערבית, און מען ליינט א דריטע מאל קריאת שמע שעל המטה, ווען מען גייט שלאפן. אין קריאת שמע זאגט מען, שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד. מיר ברענגען ארויס, אז מיר האבן איין באשעפער, איין גאט, וואס פאר דעם באשעפער זענען מיר גרייט זיך מוסר נפש צו זיין. ואהבת את ה' אלקיך, מיר דארפן ליב האבן דעם אייבערשטען, בכל לבבך, מיט אונזער גאנצע הארץ, ובכל נפשך, אונז גיי מיר אוועקגעבן אונזער גאנצע לעבן פארן אייבערשטען, ובכל מאדך, אלע אונזערע פארמעגן וועלן מיר אוועקגעבן פארן רבונו של עולם. דאס **איז די ענין פון שמע ישראל, אז א יוד איז מקבל, און ער גלייבט, אז עס איז דא א באשעפער וואס האט באשאפן די וועלט, און דער אייבערשטער קוקט זיך אום אויף די וועלט, ער איז משגיח אויף יעדן יוד עקסטער. א מענטש איז שטענדיג ארומגענומען מיט א השגחה העליונה, מען קען זיך גארנישט באהאלטן, אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ה'** (ירמיה כג-כד), **עס איז נישט דא א מקום וואס דער אייבערשטער געפונט זיך נישט דארט. דער באשעפער איז ממלא כל עלמין, וסובב כל עלמין, לית אתר פנוי מיניה, עס איז נישט דא א ווינקל וואו מען זאל זיך קענען באהאלטן פונעם אייבערשטען. מען קען זיך נישט באהאלטן און זאגן אז דער באשעפער זעהט נישט וואס איך טו יעצט. אם יסתר איש במסתרים, איז דען מעגליך אז א מענטש זאל זיך קענען באהאלטן אין א באהעלטעניש, ואני לא אראנו, און דער אייבערשטער זעהט אים נישט. א יוד דארף זיין אפגעהיטן אין אלעס וואס ער טוט, ווייל דער באשעפער זעהט אלעס וואס ער טוט, אלעס ווערט פארשריבן, און אויף אלעס איז דא א חשבון.**

**אבער** עס גיט אויך א חיזוק פאר יעדן, אז מען זאל נישט צובראכן ווערן ווען עס קומט אמאל אן שווער. **יעדער האט זיך זיינע פראבלעמען, יעדער גייט אדורך זיינע שוועריקייטן. דו זאלסט וויסן אז דער רבונו של עולם שטייט נעבן דיר, דער אייבערשטער זעהט אלעס, און ער פירט אלעס, און אז מען וועט מתפלל זיין, און בעטן דעם אייבערשטען, וועט דער אייבערשטער העלפן. א מענטש איז אייביג ארומגענומען מיטן רבונו של עולם. דער באשעפער שטייט נאנט צו יעדן איינעם,** דאס איז די קריאת שמע וואס מיר ליינען, שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד.

**די** יוונים האבן געזאגט פאר יודען, כתבו לכם על קרן השור, שאין לכם חלק באלקי ישראל. זיי האבן געוואלט אפרייסען יודען, אז זיי האבן נישט קיין חלק אינעם אייבערשטען. שרייבטס ענק ארויף אויף א קרן השור, שאין לכם חלק באלקי ישראל. אבער יודען האבן נישט אזוי געטון, יודען האבן זיך מוסר נפש געווען, אונז קען מיר זיך נישט אפטיילן פונעם אייבערשטען. יעדער יוד האט אין זיך א נשמה וואס איז א חלק אלו-ה ממעל, וואס מיר זענען צוגעבינדען צום אייבערשטען. - עס איז דא א חסידיש ווארט, **'א יוד, נישט ער וויל, און נישט ער קען, זיך אפרייסען פונעם אייבערשטען'**. נישט נאר ער וויל זיך נישט אפרייסען, נאר אפילו ווען ער וויל יא, קען ער זיך אויך נישט אפרייסען פונעם אייבערשטען. ווייל יעדער יוד האט אין זיך א חלק וואס ער איז צוגעבינדען צום אלקי ישראל. און אויף דעם זענען געקומען די יוונים, און זיי האבן געזאגט, כתבו לכם על קרן השור, שאין לכם חלק באלקי ישראל.

**און** יודען האבן זיך מוסר נפש געווען, און נישט געקוקט אויף די שווערע זמנים וואס מען האט געהאט, נאר מען האט געטון דעם רצון פונעם אייבערשטען, און מען האט מקיים געווען אלע מצות התורה, מיט די רדיפות וואס מען האט געהאט פון די יוונים, וואס זיי האבן אונז געשטערט. און מיט דעם זכות פון שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד וואס יודען האבן געהאט, האט מען געזיגט די מלחמה. אזוי ווי דער כהן משיח האט געזאגט, שמע ישראל, אתם קרבים היום למלחמה. ווען א יוד גלייבט אינעם אייבערשטען, ער גלייבט אין די השגחה פונעם רבונו של עולם, די זכות פון אמונה, וואס א יוד איז צוגעבינדען צום אייבערשטען, די זכות שטייט ביי פאר יודען, אז מען זאל קענען געווינען א מלחמה. עס שטייט אין רש"י (דברים לג-יא) אז ביי די מלחמה מיט די יונים, זענען געווען דרייצן מענטשען פון יודען, וואס האבן מלחמה געהאלטן מיט טויזנטער געלערנטע סאלדאטן פון די יונים, און מען האט געזיגט די מלחמה. ווען מען זאגט אין על הנסים 'רבים ביד מעטים', מיינט עס נישט אסאך אין די הענט פון ווייניג, נאר אין די הענט פון גאר ווייניג. דרייצן מענטשען איז געווען די גאנצע וואס האבן אנגעפירט די מלחמה. ווייל אויב עס איז שמע ישראל, אויב יודען זענען מקבל אויף זיך עול מלכות שמים, איז אתם קרבים היום למלחמה על אויביכם וגו' להושיע אתכם, איז מען געהאלפן געווארן.

**אין** די פסוק פון שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד (שם ו-ד) איז דא פינף און צוואנציג אותיות, די מספר פון כ"ה. חנו כ"ה, דאס וואס יודען האבן גערוהט, און זיי האבן געוואונען די מלחמה בימי היונים, איז געווען וועגן כ"ה, ווייל מיר האבן געהאט די זכות פון שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, וואס האט פינף און צוואנציג אותיות. ווען א יוד גלייבט אינעם אייבערשטען, און ער איז צוגעבינדען אינעם רבונו של עולם, קען ער באזיגן אלע פראבלעמען וואס עס מאכט זיך אים. חנו, יודען האבן גערוהט פון די מלחמה, אין זכות פון דעם וואס זיי האבן געליינט די כ"ה אותיות פון שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד.

*

**די** מנורה דאס ווייזט אויף חכמת התורה, אזוי ווי די גמרא (ב"ב כה:) זאגט, הרוצה שיחכים ידרים, ווען א מענטש וויל זוכה זיין צו תורה, דארף ער דאווענען צו דרום זייט, וסימניך מנורה בדרום, ווייל די מנורה איז אויך געווען אויף דרום זייט. ווען דער כהן האט אנגעצינדען די נרות אינעם בית המקדש, האט ער אריינגעברענגט א ליכטיגקייט, אז מען זאל פארשטיין לערנען, און מען זאל קענען משיג זיין די חכמה פון די תורה.

**די** יוונים האבן מטמא געווען אלע שמנים, ווייל זיי האבן געוואלט, אז די חכמה וואס יודען לערנען תורה, זאל קומען פון א נישט ריין פלאץ, און טאמער די שמנים וועלן זיין טמא, און מען וועט צינדען טמא'נע שמנים, וועט זיך נישט האלטען די חכמה ביי יודען. און יודען האבען געהאט מסירת נפש, און דער אייבערשטער האט געמאכט א נס, אז עס איז געבליבן א פך שמן טהור, און מען האט נישט געדארפט צינדען מיט שמן טמא, אלעס איז געווען בטהרה. **די פך שמן וואס מען האט געטראפן אז עס איז געווען ריין, דאס קומט אונז צו לערנען, אז אויב מען וויל זוכה זיין צו תורה, דארף מען אוועקשטיין פון טומאה, און מען דארף אכט**

געבן אויף טהרה, ריינקייט, זיין ערליך, קדושה און טהרה, דאס איז די שליסל אז מען זאל זוכה זיין צו תורה. מען קען נישט האבןביידע וועלטן צוזאמען, מען קען נישט אויסוואקסען א תלמיד חכם, און זוכה זיין צו תורה, און פון די אנדערע זייט טוט מען זאכן וואס מען טאר נישט טון. 'שמן טמא ברענט נישט', עס וועט זיך נישט האלטן דערפון. נאר אז מען צינדט אן די מנורה מיט שמן טהור, יעדער צינדט אן זיין ליכטעל מיט ריינע שמן, ער איז זיך מרחק פון א זאך וואס אין א עבירה, די אלע כלים וואס איז דא היינט, וואס מען דארף נישט וויסען דערפון, און מען דארף נישט צורירן דערצו, און נישט האבן א חלק דערין. ווען מען זעהט עס אויף איין זייט, דארף מען אריבערגיין אויף די צווייטע זייט, דאס איז אלעס שמן טמא. מען קען נישט אויסוואקסען א תלמיד חכם צוזאמען מיט שמן טמא. דער אייבערשטער האט געמאכט א נס, ער האט איבערגעלאזט א פך שמן טהור, צו ווייזען אז ווען מען וויל זיין ערליך, קענען קומען די יונים און מטמא זיין אלע שמנים, אבער פון דעסטוועגן דאך וועט מען טרעפן א פך שמן טהור. עס וועט געשען נסים, אז דער שמן זאל זיך האלטן, ווייל ווען א יוד וויל זיך מטהר זיין, איז הבא לטהר מסייעין אותו, טוט מען אים צוהעלפען פון הימל.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן, אז מען זאל קענען לערנען, און פארשטיין לערנען, און זוכה צו זיין צו לערנען תורה בטהרה, פרייליכערהייט, מיט קדושה און ערליכקייט, דעמאלטס וועט זיין אז די ליכט פון תורה וועט בלייבען ברענען אויף לדורות, מען וועט שטייגען און וואקסען גרויס אין תורה און אין יראת שמים, און מיר אלע וועלן זוכה זיין צו פארשטיין תורה, און משיג זייין תורה, און אויסוואקסען תלמידי חכמים און יראי ה', און די עלטערן וועלן זעהן פון ענק אסאך נחת דקדושה. אין זכות פון יודען וואס זענען דבוק אינעם אייבערשטען, און מען לערנט תורה, מען גלייבט אינעם אייבערשטען, וועט דער באשעפער רחמנות האבן, און דער גלות וועט שוין נישט אזוי לאנג נעמען, און מיר וועלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב (ליל ה' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בין המשתתפים נוכחו: **הרה"ג רבי אשר גדלי' פאללאק שליט"א** אב"ד בראשוב, **הרה"ג רבי דוד סופר שליט"א** אב"ד פאקש, **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** מו"ץ בקהלתנו הק' בוומסב"ג.

באמירת הדברי תורה דיבר **רבינו שליט"א** בגדר מצות מהדרין מן המהדרין, ובשיטת **הרמב"ם והרמ"א** במצות מהדרין, ודן באריכות בדברי **הגרי"ז מבריסק זצ"ל** שמדמה מחלוקה זו שהוא לפי שיטתם בדין ציצין המעכבין אי שייך הידור אחר שסילק עצמו מעיקר מעשה המצוה. וסיים בדברי אגדה בענין שכר מצוה בהאי עלמא לכהנים, והרמז מוסר שבנס חנוכה, שבכל אחד ואחד נשאר תמיד ניצוץ אחד שלא נטמא ונכבה, ויוכל להבעירו, והבא לטהר מסייעין אותו.

*

***יום חמישי פרשת מקץ***

בשעות הערב (ליל ו' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי.

באמירת הדברי תורה דיבר **רבינו שליט"א** באריכות נפלא בדברי דרוש על המדרש תנחומא אי מותר השמן מותר להדליק ביום שני, ובדין אין מורידין מקדושה חמורה לקדושה קלה, ובקושית המפרשים בדין ספיקא דיומא ביומי דחנוכה.

*

***שבת קודש פרשת מקץ***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

בקריאת התורה התקיים הבאוארפען של החתן **יחזקאל** נ"ו בן הר"ר **משה יעקב שאלאמאן** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

* * *

***יום ראשון פרשת ויגש***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **מרדכי דוד וויטריאל** הי"ו. אחר התפלה השמיע

**רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה ונטל ידיו לסעודה לכבוד יום זאת חנוכה. אחר ששרו ניגוני חנוכה וניגוני התעוררות השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**. אחר כך חילק **רבינו שליט"א** מעות חנוכה לתלמידי הישיבה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מיר** שטייען אין די אונטערשטע מינוטען פון די ליכטיגע טעג פון חנוכה. חנוכה איז די איינציגסטע יום טוב וואס יודען האבען, וואס מען דאנקט דעם אייבערשטען, אויף דעם וואס מען האט געוואלט פון אונז אוועקנעמען די תורה, און מען האט זיך געהאלטן און מען האט נישט צוגענומען פון אונז די תורה. אלע אנדערע ימים טובים זענען געווען זמנים וואס מען האט מיטגעמאכט אין מצרים, סוכות דאנק מען דעם אייבערשטען אז ער האט געטון טובות פאר יודען, שבועות האט מען מקבל געווען די תורה, פורים האט מען געוואלט הרג'ענען יודען, חנוכה איז די איינציגסטע זמן וואס מען האט קובע געווען, אויף רוחניות פון יודען. כשעמדה מלכות יון הרשעה על עמך ישראל להשכיחם תורתך, זיי האבען געוואלט משכיח זיין די תורה, ולהעבירם מחוקי רצונך. און דער אייבערשטער האט געמאכט די נסים, און מען האט מנצח געווען די יונים, וואס זענען געווען רבים ביד מעטים, און גבורים ביד חלשים. עס איז שלא כדרך הטבע, אז דרייצן מענטשען האבן געקענט מלחמה האלטן מיט א געשולטע מיליטער (עיין רש"י דברים לג-יא). מען זאל היינט נעמען דרייצן מענטשען און ארויסגיין פירן א מלחמה מיט א מיליטער, איז ער א מאבד עצמו לדעת. און דער אייבערשטער האט געגעבן די כוחות און די גבורות הנפש אז מען איז ארויסגעגאנגען און מען האט מלחמה געהאלטן.

**די** יונים האבען געוואלט צוקומען אוועקצונעמען יודען פון די תורה, להעבירם מחוקי רצונך, אבער דאס גייט נישט נאר אויב עס איז קודם להשכיחם תורתך, ווילאנג די יודען לערנען תורה, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל.), ווילאנג עס איז דא תורה, און מען זיצט און מען לערנט תורה, קען דער יצר הרע נישט האבען קיין שליטה. מען קען נישט נעמען איינעם וואס זיצט און לערנט א גאנצן טאג, און אים מעביר זיין מחוקי רצונך, עס גייט נישט. תורה איז המאור שבה מחזירו למוטב (פתיחתא איכ"ר ב), וויפיל מען וועט אים מוטשענען, וועט ער אלץ שטייגען אין תורה. ווען עס וועט זיין להשכיחם תורתך, נאכדעם וועט זיין גרינג די צווייטע העלפט, להעבירם מחוקי רצונך. און וועגן דעם זענען מיר חוגג די טעג פון חנוכה, מען זאל געדענקען די נסים וואס דער אייבערשטער האט אונז געטון. עס איז שוין איבער צוויי טויזנט יאר פון דעמאלטס, און כלל ישראל האלט זיך נאך ביי די תורה, און מען זיצט און מען לערנט תורה, אשרי חלקנו!

*

**די** טאג ווערט אנגערופן זאת חנוכה. די מפרשים שטעלן זיך, וואס עס איז דער ענין פון זאת חנוכה. בפשטות איז דער טעם, ווייל מען ליינט די פרשה פון זאת חנוכת המזבח (במדבר ז-פד), רופט מען אן דעם טאג זאת חנוכה. וואס האט די פרשה פון זאת חנוכת המזבח צוטון, אז וועגן דעם רופט מען דעם לעצטן טאג מיטן נאמען זאת חנוכה, ווייל דאס איז זאת חנוכת המזבח.

**מען** ווייסט אויך, אז מען האט נישט קובע געווען קיין סעודות אין חנוכה. חנוכה איז נאר להלל ולהודות, און משתה ושמחה איז נאר דא פורים. און אלע פלאגען זיך דערויף, פארוואס אלע ימים טובים ביי יודען איז פארבינדען מיט משתה ושמחה, און דא איז נישט דא קיין משתה ושמחה. עס איז א מצוה להרבות בסעודה, און מען דארף זוכען טעמים פארוואס מען איז מרבה אין די סעודה, אבער בעצם האט מען נישט קובע געווען עסן און טרינקען אין חנוכה, נאר להלל ולהודות, און עס דארף האבען א ביאור פארוואס.

**עס** קען אפשר זיין דער ענין, דער **בית יוסף** (או"ח סימן תר"ע) פרעגט די קשיא, פארוואס מען האט קובע געווען אכט טאג חנוכה. דעם ערשטן טאג איז דאך געווען א פך שמן, וואס מען האט

געקענט צינדען דערפון, איז דאך דער ערשטער טאג נישט געווען א נס, דער נס האט זיך ערשט אנגעהויבן דעם צווייטען טאג, וואלט מען געדארפט אנפאנגען דעם יום טוב פון כ"ו כסלו. פארוואס האבן די חכמים קובע געווען, אז כ"ה כסלו הייבט זיך אן חנוכה. איינע פון די תירוצים פונעם בית יוסף איז, אז גלייך ווען מען האט אריינגעגאסן דעם שמן, איז תיכף צוגעקומען פרישע שמן, איז דער נס געשען נישט דעם צווייטען טאג נאר דעם ערשטען טאג. פרעגט מען אויף דעם א קשיא, איז דאך דער אכטער טאג נישט געווען א נס. דארף דאך האבען א ביאור פארוואס מען האט קובע געווען אכט טאג חנוכה.

**איך** האב געטראכט, אין די גמרא (יומא מה:) שטייט, אז די מנורה האט מען געדארפט אנצינדען פונעם פייער פון די מזבח. אויפן מזבח איז געווען מערכות פון פייער, און פון דעם פייער וואס איז געווען אויפן מזבח, האט דער כהן אנגעצינדען די מנורה. די גמרא דרשנ'ט עס פון א פסוק (ויקרא ו-ו), אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה, עס האט געדארפט ברענען א שטענדיגע פייער אויפן מזבח, דרשנ'ט די גמרא, אז תמיד גייט ארויף אויף די מנורה, וואס ביי די מנורה שטייט אין פסוק (שמות כז-כ) להעלות נר 'תמיד'. 'אש תמיד', די פייער פון די מנורה, וואס ביי די מנורה שטייט תמיד, 'תוקד על המזבח', דאס קומט פון די מזבח.

**ווען** די יונים זענען אריינגעקומען אינעם בית המקדש, אסאך צייט נאך בעפאר די נס פון חנוכה, האבען זיי חרוב געמאכט אלעס וואס זיי האבן געטראפן, זיי האבען אויסגעליידיגט דעם בית המקדש, און זיי האבן צוגענומען אלע כלים וואס איז געווען אין בית המקדש. די מזבח וואס איז געווען אין בית המקדש, איז דאך געווען א געבויטע מזבח, און מען האט עס נישט געקענט אויפהייבן און אוועקנעמען, האבן זיי עס משקץ געווען פאר זייערע עבודה זרה'ס, זיי האבן מקריב געווען דארט זייערע קרבנות. און די גמרא (ע"ז נב:) זאגט, אז מען האט שפעטער גענומען די מזבח, און מען האט עס צובראכען, שקצום אנשי יון, און מען האט עס באהאלטן, און מען האט געבויט א פרישע מזבח מקריב צו זיין די קרבנות.

**אין יוסיפון** שטייט, אז אויפן מזבח איז געווען א שטענדיגע פייער, ווען משה רבינו האט מחנך געווען דעם משכן, איז אראפגעקומען אש מן השמים אויפן מזבח (ויקרא ט-כד), און דער אש מן השמים וואס איז געווען אויפן מזבח, איז געלעגן דארט אלע יארן אויפן מזבח. ווען די יונים זענען אריינגעקומען, און מען האט גענוצט די מזבח פאר זייערע עבודה זרה'ס, האט מען פון הימל צוגענומען די אש וואס איז געווען דארט. מען וועט דאך נישט לאזן אש מן השמים אז די יונים זאלן דארט מקריב זיין זייערע קרבנות, האט מען צוגענומען דעם פייער. ווען יודען האבען צוריק מחנך געווען דעם בית המקדש, איז אראפגעקומען נאכאמאל א פייער פון הימל אויף דעם מזבח וואס מען האט געבויט, אזוי ווי עס איז געווען פאר דעם. און בשעת מען האט געדארפט צינדען די מנורה, האט מען שוין געהאט אש תמיד וואס איז געווען אויפן מזבח, וואס פון דעם זאל מען קענען צינדען די מנורה.

**קומט** דאך אויס, אז דער ערשטער טאג איז אויך געווען א נס. עס איז נישט געווען א נס אינעם שמן, ווייל עס איז געווען אויל, אבער צו דעם שמן דארף מען דאך אויך האבן פייער, און דער פייער דארף דאך זיין פונעם מזבח, און עס איז דאך נישט געווען די אש מאת ה' וואס איז געווען אויפן מזבח. קומט אויס אז דעם ערשטען טאג האבן זיי אויך געזען א נס, אויסער דעם וואס מען האט געטראפען דעם שמן, האט מען געזען אז עס איז אראפגעקומען אויפן מזבח אש מן השמים, און מען האט געקענט פון דארט נוצען דעם אש אויף אנצוצינדען די מנורה. האט מען אויסער די זיבען טאג וואס איז געווען דער נס פונעם שמן, קובע געווען נאך א טאג. דער ערשטער טאג איז טאקע געווען שמן, עס איז געווען מיט וואס מען זאל צינדען, אבער צו דעם דארף מען האבען אש פונעם מזבח, וואס מען האט נישט געהאט. מען האט געקענט נעמען אש של הדיוט אויך, אבער עס איז אוודאי א הידור מצוה צו נעמען אש מעל המזבח. און אויף דעם אש מעל המזבח, וואס איז געקומען אש מן השמים, האט מען קובע געווען נאך א טאג חנוכה. - ווען מען רעכנט צוזאם א"ש מיט חנוכ"ה, איז עס אזויפיל וויפיל שמ"ן. א טייל פון די טעג האט מען קובע געווען אויפן נס פון די

שמן, און א טייל פון די טעג האט מען קובע געווען אויף די אש וואס איז נאכאמאל אראפגעקומען אין חנוכה.

**קומט** אויס, אז יעדן טאג איז געווען א נס. דער ערשטער טאג איז געווען א נס, אז מען האט באקומען דעם אש, און נאכדעם איז געקומען דער נס אז מען האט געהאט פרישע שמנים, האט מען קובע געווען אכט טאג חנוכה. - א-ל ה' ויאר לנו, אסרו חג בעבותים עד קרנות המזבח (תהלים קיח-כז). א-ל ה' ויאר לנו, דער אייבערשטער האט אונז מאיר געווען אין חנוכה, ער האט אונז געגעבן די שמן, איז דאך געווען דער נס זיבען טאג, און פארוואס מאכן מיר דעם חג אכט טאג, אבער 'אסרו חג בעבותים', מען טוט צובינדען דעם חג, 'עד קרנות המזבח', קרנות איז טייטש ווינקלען, און קרנות איז אויך טייטש א לשון פון קרן אור פניו (שמות לד-כט), די ליכטיגקייט וואס איז דא אויפן מזבח ווערט אויך אנגערופן קרנות. אסרו חג בעבותים, בינדט צוזאם דעם חנוכה, עד קרנות המזבח, מיט די ליכטיגקייט וואס איז געווען אויפן מזבח. אז מען האט געקענט צינדען די מנורה מיט דעם אש פון די מזבח. קומט אויס אז עס איז געווען א עקסטערע נס פאר זיך, וואס אויף דעם האט מען אויך קובע געווען איין טאג, און צוזאמען איז דא אכט טאג פון חנוכה.

**ווען** עס קומט דער אכטער טאג, פרעגט מען וואס איז אכט טאג חנוכה? זיבען טאג איז טאקע געווען א נס, מען דארף אבער נישט קיין אכט טאג. זאגט מען, זאת חנוכת המזבח, דעם טאג איז געווען א חנוכה אויפן מזבח אויך, עס איז אראפגעקומען דעמאלטס אש מן השמים אויפן מזבח, וואס דאס האט אויך צוגעהאלפן אז מען זאל קענען מקיים זיין די מצוה פון די נרות בשלימות, ווייל מען דארף דאך האבן אש תמיד תוקד על המזבח, מען האט געדארפט נעמען די פייער פונעם מזבח, איז ממילא האט מען קובע געווען אכט טאג חנוכה (עיין **בגליון דברי תורה** ליל ג' דחנוכה תשע"ב).

*

**אבער** הא גופא דארף האבען א ביאור, פארוואס ווען מען צינדט אן די מנורה דארף מען נעמען פייער פון די מזבח. אנדערע פייער איז נישט גוט? יעדע זאך אין די תורה לערנט אונז עפעס. וואס האט די תורה אונז געלערנט מיט דעם, אז מען האט געהייסען נעמען אש פון די מזבח, און מיט דעם זאל מען אנצינדען די מנורה.

**עס** קען זיין בדרך מוסר, מען ווייסט אז די מנורה ווייזט אויף חכמת התורה (ב"ב כה:) די קני המנורה זענען געווען שבעה, חצבה עמודיה שבעה (משלי ט-א), די תורה האט אויך זיבן ספרים (שבת קטז.). די תורה האט אין זיך כפתורים און פרחים און גביעים, וואס דאס איז די שיינקייט וואס איז דא אין תורה. אויף די חידושים וואס איז דא אין תורה, זאגט מען אז דאס איז כפתור ופרח. דאס איז אלעס חלקים פון די מנורה. די מנורה דאס איז נר מצוה ותורה אור, די ליכטיגקייט פון די מנורה וואס דער כהן האט געצינדען, דאס האט אראפגעברענגט א שפע פון תורה אויף די וועלט. וואס מען איז זוכה צו פארשטיין תורה, דאס איז געקומען פון די מנורה וואס איז געווען אין בית המקדש. וועגן דעם איז די מנורה געבליבן אויף שטענדיג, אפילו היינט צינדט מען אויך אן די מנורה, חנוכה, ווייל דאס איז א המשך פון די נרות פון דעמאלטס. אין לנו שיור רק התורה הזאת, מיר האבן היינט גארנישט נאר תורה, דארף מען האבען די השפעה פון תורה, מוזן זיין די נרות פון די מנורה, וואס דאס דארף איבערבלייבען א זכר אויף אייביג, ווייל אן תורה קען מען זיך נישט האלטן. פון אלע עבודות אין בית המקדש, איז נישט געבליבן גארנישט, נאר אנצוצינדען די מנורה, וואס דאס איז געווען שלך עומדת לעד, ווי דער **רמב"ן** (פ' בהעלותך) זאגט, אז דאס איז געבליבן שטענדיג פאר אהרן, ווייל די נרות חנוכה איז א המשך פון די נרות פון די מנורה. - קומט אויס, אז די מנורה דאס ווייזט אויף חכמת התורה. און די מצוה איז געווען אז עס זאל ברענען שטענדיג, כדי צו ווייזען אז מען דארף שטענדיג זיין דבוק אין תורה. נישט מבטל זיין קיין צייט. ווען מען האט א פרייע מינוט, דארף מען זיין צוגעבינדען צו תורה הק'.

**מען** האט שוין אמאל גערעדט דערפון (עיין בגליוננו יום ה' פ' תצוה תשע"ו), אז דער מנורה איז געווען א עדות שהשכינה שורה בישראל (שבת כב:), אין די נר המערבי האט מען אריינגעלייגט די זעלבע שמן ווי

מען האט אריינגעלייגט אין אלע נרות, און עס האט געברענט לענגער. אלע האבן נאר געברענט בדרך כלל פון ביינאכט ביז צופרי, אבער ווען מען האט זוכה געווען, האט דער נר המערבי געברענט דעם גאנצן טאג שפעטער אויך, כאטש עס איז נאר געווען אזויפיל שמן וויפיל די איבריגע נרות, פון דעסטוועגן דאך האט עס געברענט לענגער. און דאס איז נאר געווען ביים נר המערבי, און נישט ביי די אנדערע נרות. וואס לערנט אונז דער ענין.

**מען** זעהט בחורים קומען אין ישיבה און מען לערנט, מען גיט די זעלבע שיעור פאר יעדן איינעם, יעדער הערט אויס דאס זעלבע, און עס זענען דא וואס האבן גוטע כשרונות, און זיי כאפן אויף דאס לערנען, אבער אמאל איז דא וואס מען זעהט, אז אפילו א שוואכערער בעל כשרון איז מער מצליח ווי דער גוטער בעל כשרון. פארוואס איז דאס אזוי? מען לערנט דעם זעלבן שיעור, מען זיצט די זעלבע שעות אין בית המדרש, און ער האט אפילו אסאך מאל א בעסערן קאפ ווי דער צווייטער, און פון דעסטוועגן דאך איז נישט יעדער איינער מצליח די זעלבע. אלף נכנסין לבית המדרש, און נאר אחד מהם יוצא להוראה (ויק"ר ב-יא). נישט יעדער איז מצליח די זעלבע, איינער מער איינער ווייניגער, אין וואס ווענט זיך עס? וואס איז די הצלחה? מען קען נישט זאגן ווייל ער האט א בעסערן קאפ, וועגן דעם האט ער מער אויפגעכאפט דאס לערנען, מען זעהט דאך אז אפילו דער וואס איז א שוואכערער בעל כשרון, איז אויך אסאך מאל מער מצליח ווי דער גוטער בעל כשרון.

**דער** תירוץ דערויף איז, אז תורה קלעפט זיך נאר אן דארט ווי עס איז דא ערליכקייט, ווי עס איז דא יראת שמים, אז א יוד פירט זיך אויף ערליך. יראת ה' היא אוצרו (ישעיה לג-ו), יראת ה' דאס איז דער אוצר פון תורה. מען קען לערנען, אבער מען פארגעסט וואס מען לערנט. און בשעת ער דארף צוזאמשטעלן איינס מיטן צווייטן קען ער עס נישט צוזאמשטעלן. אבער אז מען האט יראת שמים, מען לערנט תורה ערליך, האט מען א ברכה אין די תורה.

**דער** אייבערשטער האט געוואלט וואוויזן ביי די מנורה, קוק אן, דא איז דא זיבן נרות, מען לייגט אריין די זעלבע אויל אין אלע, און מען צינדט אן אלע די זעלבע, אבער עס וועט זיין דא איין נר וואס וועט ברענען לענגער ווי די איבריגע. אלע וועלן שוין זיין אויסגעלאשן, אבער דער וועט נאך ווייטער שיינען. ווער איז דאס? דער נר המערבי. די שכינה איז במערב (ב"ב כה:), דער נר המערבי איז דער נר וואס איז געווען די נאנטסטע צו דעם קדשי קדשים. ווי מער דער נר איז נאנטער צום קדשי קדשים, ווי מער מען פירט זיך אויף ערליך, מען איז אפגעהיטן פון טומאה, מען איז אפגעהיטן פון די גאס, און מען ליגט אין קדושה און ערליכקייט, איז מען מער מצליח. עס האט נישט צוטון וויפיל שמן מען האט אריינגעלייגט, די זעלבע שמן וואס מען לייגט אריין ערגעץ אנדערש, פון דעסטוועגן דאך וועט דאס מצליח זיין. דער אייבערשטער האט אונז געוואלט לערנען אז די חשיבות פון תורה איז, אז מען לערנט תורה ערליך, אז עס איז דא יראת ה'. טאמער עס איז דא קדושה, איז מען מצליח אין תורה, דער נר המערבי האט געברענט לענגער פון אלע אנדערע נרות.

**דער** מזבח ווייזט אויף מסירת נפש. ווען א יוד האט געברענגט א קרבן, האט ער נישט געברענגט א קרבן סתם אזוי, מקריב צו זיין די בהמה, מען זאל שחט'ן די בהמה און עס ארויפלייגן אויף די מזבח, נאר עס שטייט אין **רמב"ן** (ויקרא א-ט), אז ביי יעדן קרבן וואס א יוד האט געברענגט, האט ער געטראכט ביי זיך, איך ברענג דעם קרבן אויף א חטא. מען וואלט מיך געדארפט לייגן אויפן מזבח, און דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף מיר, און ער לאזט מיך לעבן, ברענג איך א קרבן. און ביי יעדע עבודה וואס מען האט געטון מיט דעם קרבן, האט דער מענטש געדארפט טראכטן, אז פאר מיר וואלט זיך געקומען די זעלבע. זאת תורת העולה, היא העולה (ויקרא ו-ב), די תורת העולה איז, אז ער דארף זיין די עולה. נאר דער אייבערשטער האט חס געווען, און ער האט גענומען דעם קרבן. אבער וואס מען טוט מיט דעם קרבן, וואלט מען געדארפט טון מיט אים. און דאס ווייזט אויף מסירת נפש. דער מענטש זאגט, איך האב געזינדיגט, עס איז מיר נישט ווערט מיין גאנץ לעבן, איך וואלט אויפגעגעבן מיין גאנץ לעבן, איך דארף נישט א

לעבן אן תורה. נאר דער אייבערשטער וויל דאך אז איך זאל לעבן, מען וויל מיר געבן א געלעגענהייט, איך זאל קענען זיך צוריק מתקן זיין, ברענגט מען א קרבן, דערמאן דיך, אז עס וואלט געקומען אז מען זאל דיך אוועקנעמען פון די וועלט, און דער אייבערשטער גיט דיר דאס לעבן ווייטער, כדי דו זאלסט עס קענען אויסנוצן פאר עבודת ה'. איז יעדע קרבן וואס א מענטש האט געברענגט איז פארבינדען מיט א ענין פון מסירת נפש. קומט אויס, אז מזבח ווייזט אויף מסירת נפש.

**די** תורה האט געוואלט ווייזען, דו ווילסט אנצינדען די מנורה, וואס מנורה ווייזט אויף נר מצוה ותורה אור, ווי אזוי קען לייכטען א מנורה. ווען דו ווערסט נעמען אש פונעם מזבח, וואס דאס איז אש פון מסירת נפש, דארט האט מען פארברענט די קרבנות, און מיט דעם ווערסטו אנצינדען די מנורה, דו ביסט גרייט אויף מסירת נפש, דו ווילסט זיך אפזונדערן פון די וועלט, עס אינטערעסירט דיך נישט וואס עס טוט זיך אויף די גאס. אפילו ווען דו האסט א גרויס חשק ארויסצוגיין אויף די גאס, דו ווילסט וויסען וואס עס טוט זיך אויף די וועלט, האלטסטו זיך צוריק און דו גייסט נישט ארויס, דאס איז אמת'דיגע מסירת נפש. מסירת נפש מיינט נישט נאר אז מען הרג'ט זיך, נאר 'נפש' איז 'רצון' (מלשון אם יש את נפשכם, בראשית כג-ח), ווען א מענטש גיט אוועק זיין רצון פארן אייבערשטען, דאס איז מסירת נפש. אז דו ווילסט אז די מנורה זאל לייכטען, דארף מען נעמען אש פונעם מזבח, און מיט דעם אנצינדען די מנורה, דעמאלטס וועט עס לייכטען.

*

**און** אויף דעם פייער וואס מען צינדט אן די מנורה, קומט אראפ אש מן השמים. דו זאלסט וויסען אז עס איז דא סייעתא דשמיא פון הימל. אז מען וויל לייכטען אין תורה, אז מען פירט זיך אויף ערליך, קומט אראפ אש מן השמים, און עס טוט באלייכטען דעם בחור וואס זיצט און לערנט. און ווען עס גייט אדורך א וואך, און א חודש, א יאר, צוויי, און דריי, זעהט ער אויס א אנדערער מענטש פון וואס ער איז געווען פריער. ווייל המאור שבה מחזירו למוטב (פתיחתא איכ"ר ב), די קדושת התורה וואס מען לערנט, דאס טוט צוריקברענגען דעם מענטש אויפן ריכטיגען וועג.

**וועגן** דעם האט די תורה געהייסען, אז ווען מען וויל מדליק זיין די מנורה, ווען דו ווילסט אז די מנורה זאל לייכטען, זאלסטו נעמען אש פונעם מזבח. אויב דו ווערסט זיין גרייט אויף מסירת נפש, זיך אפצוזונדערן פון אלעס וואס טוט זיך, און זיך אריינלייגען אין תורה, דעמאלטס וועסט זעהן אז דו וועסט לייכטען, און דו וועסט מצליח זיין. און מען קען מצליח זיין, אפילו חוץ לדרך הטבע. דער נר המערבי, וואס על פי דרך הטבע קען ער נישט ברענען, וועט ברענען לענגער.

**און** דאס האט מען געזען אין אלע דורות, די וואס האבן געלערנט תורה ערליך, די האבן מצליח געווען, זייער תורה איז געבליבן. און די וואס די תורה איז נאר געווען מן השפה ולחוץ, עובד ליצרו וליוצרו, פון איין זייט האט ער געזען דעם יצר הרע, און פון די אנדערע זייט האט ער געדינט דעם אייבערשטען, אזא תורה איז נישט מצליח. קדושת התורה איז, ווען מען נעמט אש פונעם מזבח, און מיט דעם איז מען מדליק די מנורה, די מנורה בלייבט לייכטען אויף שטענדיג.

*

**דער** הייליגער **חתם סופר** (פ' בהעלותך לג:) זאגט, בהעלותך את הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, ויעש כן אהרן אל מול פני המנורה העלה נרותיה וגו' כמראה אשר הראה ה' את משה, כן עשה את המנורה (במדבר ח-ב), אזוי ווי דער אייבערשטער האט געוויזען פאר משה רבינו, אזוי האט ער געמאכט די מנורה. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, די מנורה האט געוויזען אויף חכמת התורה (ב"ב כה:). **אז מען וויל זוכה זיין צו תורה, דארף מען זיך פורש זיין פון די תענוגים פון די וועלט. מען קען נישט האבען תענוגים פון די וועלט, און אין די זעלבע צייט זוכה זיין צו תורה. עס וואלט געווען זייער גוט ווען מען זאל קענען האבן ביידע וועלטן צוזאמען, אבער עס גייט נישט. סוף הכבוד לבוא, שפעטער קען מען צוקומען דערצו. אבער בשעת די יונגע יארן, אדער ליגט מען אין עולם הזה, אדער ליגט מען אין די גמרא, ביידע צוזאמען גייען נישט.**

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אין הימל מקבל זיין די תורה, האט ער פערציג טעג נישט געגעסן און נישט געטרינקען, ווייל אז מען וויל מקבל זיין די תורה אזוי ווי משה רבינו האט עס מקבל געווען, ארייננעמען די גאנצע תורה אין פערציג טעג, גייט עס נישט צוזאמען מיט עסן און טרינקען. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, 'כאשר הראה ה' את משה', אזוי ווי דער אייבערשטער האט געוויזען ביי משה רבינו, אז ווען ער איז ארויפגעגאנגען אין הימל, האט ער נישט געגעסן און געטרינקען פערציג טאג, 'כן עשה את המנורה', אזוי ווערט געמאכט א מנורה. א מנורה גייט נישט צוזאמען מיט עסן און טרינקען, אוודאי דארף מען עסן און טרינקען וויפיל מען דארף, אבער נישט ליגען אין עסן. - איך האב אמאל געהערט פון א חסידי'שן יוד, האט ער געזאגט, **'א פרעסער הייסט נישט דער וואס עסט אסאך, ער האט א גרויסע מאגן דארף ער מער עסן. א פרעסער הייסט, דער וואס רעדט פון עסן'**. די מיטאג איז יא גוט געווען, צו עס איז נישט גוט געווען, און מען דארף מען קויפן א צווייטע זאך, דארט דערקענט זיך ווי דער מענטש האלט מיטן עסן. אבער עסן אליין, אמאל איז דא א מענטש וואס ער דארף מער עסן, און אמאל דארף ער ווייניגער עסן - . 'כאשר הראה ה' את משה', אזוי ווי דער אייבערשטער האט געוויזען פאר משה רבינו ווען ער איז ארויפגעגאנגען מקבל זיין די תורה, אז מען עסט נישט און מען טרינקט נישט, 'כן עשה את המנורה', אזוי האט דער אייבערשטער געמאכט די מנורה. אז דו ווילסט זוכה זיין צו תורה, דארף זיין פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן, אם אתה עושה כן, אויב דו טוסט אזוי, דעמאלטס איז אשריך בעולם הזה וטוב לך (אבות ו-ד).

**מען** קען צוגעבן, אז די מנורה איז געווען אקעגן איבער דעם שלחן (שמות מ-כד), פון איין זייט היכל איז געווען די מנורה, און פון די אנדערע זייט איז געווען דער שלחן. דער באשעפער האט געהייסען אז מען זאל לייגען די מנורה אקעגן דעם שלחן, צו לערנען דעם מענטש, אזוי ווי דיין שלחן וועט אויסקוקן, אזוי וועט אויסקוקן דיין מנורה. עס איז איינס אקעגן דעם אנדערן. טאמער דו לייגסט זיך אריין אינעם שלחן, ווי מער דו וועסט ליגן אינעם שלחן, וועט די מנורה זיין קלענער. און ווי מער דו וועסט אוועקגיין פונעם שלחן, וועט די מנורה מער לייכטען. די מנורה מיט די שלחן איז איינס אקעגן איבער דעם אנדערן. - 'בהעלותך את הנרות', ווען דו ווילסט מעלה זיין די נרות, ווען דו ווילסט לייכטען אין תורה. 'אל מול פני המנורה', צו די זאך וואס איז אקעגן איבער די מנורה, וואס דאס איז דער שלחן, 'יאירו שבעת הנרות'. ווי אזוי דער שלחן איז, אזוי וועט זיין די יאירו שבעת הנרות.

**חנוכה** איז דער יום טוב פון די מנורה, די סימבאל פון תורה. די יונים האבן געוואלט להשכיחם תורתך, ולהעבירם מחוקי רצונך, און יודען האבן מקבל געווען אויף זיך דעם עול התורה. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז די השגות וואס א יוד קען משיג זיין אין די תורה אין דעם יום טוב פון חנוכה, איז זייער גרויס. די אור וואס א מענטש האט אין תורה הק', נעמט זיך פון די ימי חנוכה. די נרות המנורה ברענגען די השפעה פון חכמה, און דורך די טעג פון חנוכה איז מען דאס ממשיך אין אלע דורות שפעטער, אז מען זאל קענען האבען די השפעה פון חכמה.

**חנוכה** האט מען קובע געווען אויף תורה. מיר דאנקן דעם אייבערשטען אז עס איז זיי נישט געלונגען להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך. האבן די חכמים נישט געוואלט קובע זיין משתה ושמחה צוזאמען מיט נרות חנוכה. ווייל דעמאלטס וועט מען זאגן, אז מען קען האבן ביידע. מען קען האבן משתה ושמחה, מען קען לעבן א גוטע טאג, עסן און טרינקען, און מען וועט אויך קענען האבן די נרות חנוכה פון די מנורה. עס גייט אבער נישט צוזאמען. ווען מען רעדט פון חנוכה, ווען מען רעדט פון לייכטן אין תורה, קען מען עס נישט צוזאמשטעלן מיט משתה ושמחה. אוודאי ביי ערליכע יודען איז זייער משתה ושמחה אויך הייליג, זייער עסן איז א עבודה, אבער מען רעדט יעצט פון געבן א מצוה פאר גאנץ כלל ישראל. ווען מען גיט משתה ושמחה פאר כלל ישראל, דעמאלטס לייכט מען נישט אין תורה. דאס ביסל אכילה, דאס ביסל לאטקעס און דאנאט"ס וואס מען עסט יא, האט אויך

אוועקגענומען פון די קדושת התורה. מען לערנט ווייניגער אין חנוכה, ווי מען לערנט אן אנדערס מאל. און שטעלטס ענק פאר, ווען עס וואלט נאך אויך געווען א משתה ושמחה אכט טאג חנוכה, וויפיל תורה וואלט מען אנגעקומען צו לערנען אין די ימי חנוכה. האט מען געוואלט וויזען, ווען מען וויל צוקומען צו קדושת התורה אין חנוכה, איז נישט דא קיין משתה ושמחה. מען זאגט נישט אז מען זאל פאסטן, מען גיט א סעודה, אבער נישט קיין גרויסע סעודות, ריבוי הסעודות דאס איז נישט פאר חנוכה. ווען א יוד טוט זיך אפשיידען פון הבלי עולם הזה, עס אינטערעסירט אים נישט דאס עסן און דאס שלאפן, איך וויל אייך זאן, אויסוואקסען א תלמיד חכם. איך גיי מיך אריינלייגן אין תורה, איך זאל וואקסען, און איך זאל פארשטיין לערנען, איך זאל קענען וואס מען לערנט יעדע וואך, מוסיף זיין אוועקצוגעבן מיינע פרייע צייטן פאר תורה, דעמאלטס מיט די צייט וועט ער זעהן אז ער לייכט ווי א נייע סארט מענטש, וואס ער איז נישט געווען פון פריער.

*

**מען** האלט שוין ביי די לעצטע מינוטן פון חנוכה, מען גייט שוין אריין אין די צווייטע העלפט פונעם זמן. עס איז כמעט שוין אדורכגעגאנגען א האלבע זמן, די האלב וואס מען האט געדארפט לערנען דעם זמן האט מען שוין אפגעלערנט, עס קומט די צווייטע העלפט פונעם זמן, יעצט איז די צייט זיך אריינצולייגען אין תורה. **אין די חדשים פון טבת, שבט, אדר, דארף מען זיך אריינלייגען סיי אין די נייע פרקים וואס מען דארף נאך לערנען, און בעיקר אנצוהייבן חזר'ן וואס מען האט שוין געלערנט ביז יעצט. איבערגיין וואס מען האט געלערנט אין שלחן ערוך, וואס מען האט געלערנט אין גמרא, וואס מען האט געלערנט שיעור עיון און שיעור פשוט, ואשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו. מען דארף זיך נעמען פאר א ציל, איך וויל קענען סוף זמן יעדע זאך וואס איך האב געלערנט דעם זמן. עס איז נישט קיין חילוק צו עס איז שיעור עיון צו שיעור פשוט. 'איך האב עס געלערנט, דארף איך עס קענען', און דעמאלטס איז מען זוכה צו וואקסען אין תורה.** בני בינה ימי שמונה קבעו שיר ורננים, 'בני בינה' די וואס ליגען אין חכמת התורה, און בינה איז טייטש אז ער גייט שוין מיט א שטאפל ווייטער, ער פארשטייט דבר מתוך דבר. די בני בינה וואס האבן פארשטאנען די חשיבות פון תורה, 'ימי שמונה קבעו שיר ורננים', האבן קובע געווען אז אין די ימי שמונה זאל נאר זיין שיר ורננים, און נישט משתה ושמחה. ווייל אז מען וויל זוכה זיין צו תורה, דעמאלטס גייט עס נישט מיט משתה ושמחה, נאר מיט שיר ורננים. שטענדיג דאנקען דעם אייבערשטען אויף דעם חסד וואס דער באשעפער טוט מיט א מענטש. אפילו ווען עס דאכט זיך אים, אז ער האט שווערע זמנים, דארף ער וויסען אז אלעס איז לטובה, און וואס דער אייבערשטער טוט, טוט ער נאר וואס איז גוט פארן מענטש. און דאס דארף מען מקבל זיין, אוועקצוגיין פון די טעג פון חנוכה מיט א פרישע התחדשות, א פרישע חנוכה, אנהייבן א פרישן חינוך צו תורה. עס הייבט זיך אן א פרישע וואך און א פרישע חודש, דארף מען אריינגיין צו ליגען אין תורה. און דעמאלטס וועט מען זוכה זיין אויסצוואקסען תלמידי חכמים און יראי ה'. די אהבת התורה און קדושת התורה זאל לייכטען ביי אונז אלע, אז מען זאל אויסוואקסען וואס יעדער וויל באמת אויסוואקסען. און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קס"ב סעיף י') בבית מדרשנו. אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** על הדברי תורה שהשמיע בסעודת זאת חנוכה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **מרדכי דוד וויטריאל** הי"ו, שהתקיים באולם פערעדיים מענאר, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, ווען יוסף האט זיך געטראפן מיט די ברודערס, און זיי זענען צוריקגעקומען צו יעקב און אים פארציילט אז עוד יוסף חי, האט יעקב געזען את העגלות אשר שלח

יוסף לשאת אותו, ותחי רוח יעקב אביהם, האט יעקב אבינו אויפגעלעבט (לב-כז). רש"י ברענגט צו א מדרש (ב"ר צד-ג), אז ווען יוסף האט זיך געזעגנט פון יעקב, האבן זיי געלערנט אינאיינעם א ענין וואס האט צוטון מיט עגלות, און דאס האט ער מודיע געווען פארן פאטער, אז ער ווייסט צו זאגן דעם ענין וואס זיי האבן געהאט געלערנט דאס לעצטע מאל בעפאר מען האט זיך געזעגנט אראפצוגיין קיין מצרים, און דאס איז א סימן אז ער איז יוסף.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בתורת משה פ' ויגש רא:) זאגט, אז דאס ווארט 'עגלות' איז די אותיות ע' גלות, דאס איז מרמז אויף אלע גליות'ן וואס זענען פארבינדען מיט ע'. ווען מען איז אראפגעגאנגען קיין מצרים איז עס געווען שבעים בנפש, בשבעים נפש ירדו אבותיך מצרימה (דברים י-כב). גלות בבל איז געווען זיבעציג יאר, דאס איז שבעים אין זמן. און דער היינטיגער גלות זענען יודען צווארפען צווישן די שבעים אומות, דאס איז שבעים במקום. - ווען יעקב אבינו האט געלערנט מיט יוסף האט ער אים איבערגעגעבן די סוד, אז יודען וועלן זיין אין גלות, און אלץ וועט זיין דער גלות פארבינדן מיט א ע'. איינמאל איז עס ע' בנפש, איינמאל איז עס ע' בזמן, און איינמאל איז עס ע' במקום, צווישן די אומות. און דאס האט יוסף מודיע געווען פאר יעקב, אז די סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט אים געשיקט קיין מצרים, ווייל יעצט הייבט זיך אן די פרשה פון 'עגלות', דער ע' גלות, בשבעים נפש ירדו אבותינו למצרים הייבט זיך יעצט אן.

**עס** קען זיין, אז דאס איז דער ענין וואס יוסף האט געזאגט פאר די ברודערס, והנה עיניכם רואות ועיני אחי בנימין, כי פי המדבר אליכם (מה-יב). 'והנה עיניכם רואות', יעצט זעהט עטץ אז עס איז דא די ע', איך צוזאמען מיט די איבריגע געשוויסטער זענען שבעים נפש, און יעצט הייבט זיך אן דער גלות פון מצרים.

**עס** איז היינט געווען זאת חנוכה, וואס מען האט געליינט זאת חנוכת המזבח (במדבר ז-פד). דער הייליגער **חתם סופר** (שם ר:) זאגט זייער א שיינע נקודה, אז דאס וואס יעקב אבינו האט געלערנט מיט יוסף די ענין פון עגלות, האט ער געלערנט מיט אים די פרשה פון חנוכת הנשיאים, וואס ביי די חנוכת הנשיאים האבן די נשיאים געברענגט עגלות צום חינוך. מען האט געברענגט וועגענער פאר קרבנות, מיט וואס מען זאל טראגען די משכן. און די פרשה פון די עגלות האט יעקב געלערנט מיט יוסף בעפאר זיי האבן זיך צוטיילט, און ער האט אים געשיקט יעצט דערמאנען דעם ענין פון די עגלות פונעם חנוכת המזבח וואס זיי האבן געלערנט (הובא **בדעת זקנים מבעלי תוספות**).

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, א דבר נפלא, מען זעהט אז די צוועלף שבטים האבן געברענגט זעקס עגלות. יעדע עגלה איז געווען פאר שני נשיאים (שם ז-ג), צוויי נשיאים צוזאמען האבן מנדב געווען איין עגלה. פארוואס האבן זיי נישט געברענגט יעדער איינער א עגלה אליין, פארוואס האבן זיי זיך צוזאמגענומען צוויי צוזאמען צו ברענגען א וואגן. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, אז זיי האבן געוואלט מיט דעם ווייזען, אז יודען דארפן זיין באחדות, איינער דארף ארויסהעלפן פארן אנדערן. זיי האבן נישט געוואלט אז יעדער שבט פאר זיך זאל האבן א עקסטערע עגלה, נאר עס זאל זיין א חיבור איינער מיטן אנדערן. יעדע עגלה זאל זיין אויסגעמישט איין שבט מיטן צווייטען. - יוסף איז דאך געווען נישט אזוי שוה בשוה מיט די ברודערס, ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם (בראשית לז-ב), האט יעקב אבינו געלערנט מיט אים די פרשה פון חנוכת המזבח, אז איין שבט דארף גוט לעבן מיטן אנדערן שבט. יעדע צוויי שבטים צוזאמען האבן געברענגט א עגלה צום משכן.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, איין שבט איז דא וואס האט געברענגט א עגלה אליין, דאס איז שבט יוסף. אפרים מיט מנשה זענען גערעכנט פאר צוויי שבטים צווישן די שנים עשר נשיאים, און די עגלה וואס זיי האבן געברענגט צוזאמען איז געווען פון איין שבט, ווייל אפרים מיט מנשה איז דאך איין שבט. און די סיבה דערפון איז, ווייל יוסף איז געווען ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם, ער האט זיך נישט גוט געהאלטן צוזאמען מיט די איבריגע ברודערס, איז געווען זיין גורל אז זיין גאנצע שבט האט געברענגט איין עגלה פארן משכן. איז די פרשה פון עגלות געווען א לימוד

פאר יוסף, אז א מענטש דארף נישט לעבן פאר זיך, ער דארף אלץ זעהן זיך צוצושטעלן צום צווייטען, ווען מען דארף עפעס האבן צו בויען תורה, צו בויען א משכן, צו טראגען א משכן, האבען זיך צוזאמגעשטעלט צוויי שבטים צוזאמען. און דאס האט געלערנט פאר יוסף דעם ענין, אז עס דארף זיין אחדות און שלום צווישן ברודערס.

**מען** קען צוגעבן א נקודה, מען זעהט אז אין די תורה איז אויסגערעכנט וואס די אלע צוועלף נשיאים האבן געברענגט. ביי יעדן איינעם איז דא א גאנצע פרשה פון זעקס פסוקים וואס איז אויסגערעכנט דארט אין די תורה די זאכן וואס זיי האבן געברענגט. און עס איז איבערגע'חזר'ט נאכאמאל, דער ערשטע נשיא, דער צווייטער נשיא, און דער דריטער נשיא, און יעדן טאג שטייט די זעלבע פאר יעדן נשיא. די תורה וואלט געקענט שרייבן אז דער ערשטער נשיא האט געברענגט כך וכך, און אלע איבריגע נשיאים האבן געברענגט די זעלבע.

**שטייט** אין **רמב"ן** (במדבר ז-ב) אז די תורה האט אונז געוואלט מיט דעם לערנען, אז עס איז נישט קיין דרך כבוד אז מען זאל שרייבן אז דער ערשטער האט געברענגט כך וכך, און נאכדעם זאגט מען אויפן צווייטען אז ער האט אויך נאכגעטון די זעלבע. מען האט פארן צווייטען נישט געגעבן דעם זעלבן כבוד ווי וואס מען האט געגעבן פארן ערשטען. ביים ערשטען האט מען אויסגערעכנט פונקטליך וואס ער האט געטון, און נאכדעם פאר די איבריגע זאגט מען אז זיי האבן נאכגעטון די זעלבע. די תורה האט געוואלט ווייזן, אז די תורה איז מחשיב יעדן נשיא עקסטער, און די תורה האט איבערגע'חזר'ט די זעלבע זאך, כאילו מען הייבט אן א פרישע פרשה. ביום השני הקריב, ביום השלישי הקריב, די גאנצע פרשה איז איבערגע'חזר'ט כאילו מען האט מחדש געווען עפעס א פרישע וועג, ווי אזוי די נשיאים האבן געברענגט די קרבנות. ווייל די תורה האט געוואלט לערנען, ווי אזוי מען דארף אכט געבן איינער אויפן אנדערן'ס כבוד, נישט אז דער צווייטער איז צוגעטשעפעט געווארן צום ערשטען, נאר די תורה האט געשריבן יעדן פאר זיך זיין פרשה.

**און** דאס האט יעקב געלערנט מיט יוסף, ווען ער האט געזען אז ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם, האט ער געלערנט מיט אים די פרשה פון די חנוכת הנשיאים, צו ווייזן ווי אזוי מען דארף אכט געבן אויפן כבוד פונעם צווייטען.

*

***יום שני פרשת ויגש***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **יואל אלתר ראאב** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הרב **משה יעקב פישער** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **משה קלמן ניישטיין** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט של בן ש"ב הרב **יואל זילבערשטיין** שליט"א (חתן הרה"ג אב"ד וואדקערט שליט"א) שהתקיים בבית המדרש וואדקערט.

*

***יום שלישי פרשת ויגש***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל התנאים של בת הר"ר **יקותיאל יהודא פריינד** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יעקב קליין** הי"ו, שהתקיים באולם ספינקא. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של החתן **יחזקאל** נ"י בן הר"ר **משה יעקב שאלאמאן** הי"ו,

עב"ג בת הר"ר **חיים יצחק טארן** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת ויגש***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **שרגא פייוול פערלבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס.

אחר הפדיון הבן נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרב **משה דוב שווייד** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **יעקב יהושע קערנקרויט** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***יום חמישי פרשת ויגש***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **משה לאווענשטיין** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש פאפא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אברהם נחמיה כ"ץ** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת מרת גאלדשטיין ע"ה (אשת הר"ר **סענדר גאלדשטיין** הי"ו).

***מתוך השיחה:***

**בנה הר"ר אברהם:** אונז האב מיר געדאווענט ביים **דעברעצינער רב זצ"ל**, איך האב אים קיינמאל נישט געזען רעדן שיחת חולין אין בית המדרש. ער איז געווען א מורא'דיגער מתמיד, עס האט געקענט זיין צווישן מנחה און מעריב דריי און א האלב מינוט הפסקה, האט ער פארגעלערנט **קיצור שלחן ערוך**. ער האט נישט געקענט סובל זיין, אז מען זאל פארברענגען די צייט.

זיין עיקר עבודת ה' איז געווען אויף כבוד פון א שול, קדושת בית הכנסת. טאמער איינער איז געשטאנען מיטן רוקן צום ארון הקודש, אין די אנדערע עק בית המדרש, האט ער געכאפט א פסק, יהיה מי שיהיה.

אמאל איז געווען א שמחה אין בית המדרש, און עס זענען געקומען אסאך מענטשן, און דער עולם האט געשמועסט, האט ער אנגעשריגן דעם עולם. האט אים איינער געזאגט, עס איז דא געסט אין בית המדרש. האט ער געזאגט, איך דארף נישט קיין 'גאסט רעדנער'.

ער האט מיר פארציילט, אז ער האט אמאל געפרעגט דעם אלטן **סקווירער רבי**, ווי ווייט, מיט וואס פאר א תקיפות זאל ער גיין מיט דעם. האט ער אים געזאגט, ביז ער וועט בלייבן מיט צען מענטשען. ער האט עס כמעט מקיים געווען...

**רבינו:** איך פלעגט צו זיין מיט אים להבחל"ח זומער צוזאמען אין קאנטרי.

ווען מען האט מיך אויפגענומען אויף וויען, האב איך געטראפען א יוד, וואס האט געדאווענט אין דעברעצין. און ער האט מיר געזאגט וועגן די קהלה וואו איך קום אריין. האב איך אים געפרעגט צו ער דאווענט ביים **דעברעצינער רב**? האט ער מיר געזאגט, ניין, מיר זענען א קהלה, און דער **דעברעצינער רב** דאווענט ביי אונז!

**הר"ר אברהם:** איך האב געלערנט אלץ בחור אין וויען, און איין יאר האב איך געלערנט אין ארץ ישראל, ביי מיין גרויסן רבי, **הרב וואזנער זצ"ל**.

איך האב אים איינמאל געפרעגט צו ער האט געקענט **רבי יונתן שטייף זצ"ל**, האט ער מיר געזאגט, איך האב אים נישט געקענט, אבער ער איז געקומען צו מיר אין חלום נאך זיין פטירה, און ער האט מיך געבעטן אז איך זאל מיך אינטערעסירן אויף די רבנות אין די וויענער קהלה.

און ער האט מיר אנגעכאפט די הענט, און ער האט מיר געזאגט, איך האב יעצט מגלה געווען א גרויסן סוד. - **הרב וואזנער** האט מיר אמאל דערציילט עפעס א זאך, און ער האט מיר געזאגט, איך האב

א כח פון א רבי אויף א תלמיד דיך צו באשווערן אז דו זאלסט נישט פארציילן די מעשה ווייטער. אבער אויף די מעשה האט ער מיר עס נישט געזאגט, קען איך עס פארציילן[א].

*

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **מרדכי שבתי מארקאוויטש** הי"ו שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **אברהם פרענקל** הי"ו שישב שבעה על פטירת אחיו הגה"צ רבי **נפתלי הירצקא פרענקל** זצ"ל חבר ביד"צ עדה החרדית (ירושלים).

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא. בסיום השיעור חזר **רבינו שליט"א** על דבר צחות **מהגה"ק מסאטמאר זצ"ל** השייכים לפרשה זו.

***וזה תוכנה:***

**די** פרשה ענדיגט זיך, וישב ישראל בארץ מצרים בארץ גשן, ויאחזו זה ויפרו וירבו מאד (מז-כז). איך וויל נאכזאגן א דבר צחות פונעם **סאטמארער רב זי"ע**, וואס איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**. די מעשה איז געווען שבת פרשת ויגש תשכ"ח, ניין און פערציג יאר צוריק, די לעצטע יאר וואס דער **סאטמארער רב** איז געווען געזונט. **מיין טאטע ז"ל** האט יענעם שבת געהאט א ברית ביים **סאטמארער רב**, און ער האט דארט געדאווענט.

**בעפאר** איך קום צו, צו די מעשה, וויל איך פארציילן נאך א מעשה. **מיין טאטע ז"ל** האט געהאט זיין בית המדרש וואו ער פלעגט צו דאווענען. און ער פלעגט זיך נוהג זיין, אז אויב ער האט געהאט א ברית שבת ביי א אדם גדול, האט ער איבערגעלאזט זיין בית המדרש, און ער איז געגאנגען אהין דאווענען. דאס וואס ער האט זיך אזוי געפירט, איז פארבינדען מיט א מעשה, וואס ער פלעגט אלץ פארציילען. אז ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא, האט ער נאכנישט געהאט א בית המדרש, און ער האט דאס ערשטע יאר געדאווענט ביים **סטראפקוב'ער רב זצ"ל**, און שפעטער ווען ער האט שוין געהאט א בית המדרש פאר זיך, האט ער געדאווענט ביי זיך. אמאל האט אים איינער מכבד געווען מיט א ברית אין שבת, ביים **סטראפקובער רב** אין בית המדרש. האט ער געדאווענט ביי זיך, און ער איז נאכן דאווענען אריבערגעגאנגען צום ברית. דער **סטראפקובער רב** איז געווען א איש אמת, וואס ער האט געהאט אין הארץ, האט ער ארויסגעזאגט, און ער האט עס נישט באהאלטן. נאכן ברית איז מען געזעסן ביי קידוש, דער **סטראפקובער רב** איז געזעסן אויבן אן, און מיין טאטע איז געזעסן אינדערזייט. אינמיטן רופט זיך אן דער **סטראפקובער רב** אזוי לפני כל עם ועדה, **סאמבאטהעלער רב**, איך וואלט אייך נישט מכבד געווען צו זיין מוהל דא אין בית המדרש! אז איר האט א ברית ביי מיר אין בית המדרש, און איר קומט נישט אהער דאווענען, דארף מען אייך נישט מכבד זיין צו זיין מוהל. - א אנדערער וואלט זיך באליידיגט, אבער מיין טאטע ז"ל פלעגט עס אלץ צו פארציילען מיט אזא דערהויבענקייט, אז דער **סטראפקובער רב** איז געווען א איש אמת, און אז ער האט געהאט א געדאנק, האט ער עס ארויסגעזאגט מיטן מויל. האט ער דעמאלטס מקבל געווען אויף זיך, אז אויב ער האט א ברית ביי א אדם גדול אין בית המדרש, לאזט ער איבער זיין בית המדרש, און ער גייט אהין דאווענען.

**פרשת** ויגש תשכ"ח האט מיין טאטע ז"ל געהאט א ברית ביים **סאטמארער רב**, האט ער געדאווענט דארט, און ער האט עולה געווען מפטיר. דעמאלטס האט מיין ברודער **רבי שלמה זלמן זאל זיין געזונט** (אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג) געדארפט א חתן ווערן אין תולדות אהרן, מוצאי שבת איז מיין טאטע געפארן קיין ארץ ישראל גומר צו זיין דעם שידוך, און פרייטאג פארדעם איז ער געווען ביים **סאטמארער רב** זיך געזעגענען, און ער האט אים פארציילט, אז ער פארט גומר זיין דעם שידוך.

[א] עיין בגליונינו (פ' צו תשע"ה) בשיחת **הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל** עם יבלחט"א **רבינו שליט"א** אודות הצעת הרבנות בקהלתינו הק' עבורו, אחר פטירת מרן **הגה"ק רבי יונתן שטייף זצ"ל**, ודברי **הגה"ק מסאטמאר זצ"ל** בזה.

דעמאלטס איז געווען נאך די זעקס טאג'יקע מלחמה, ווען מען האט איינגענומען א חלק פון מצרים. און שבת ווען מיין טאטע ז"ל האט עולה געווען מפטיר, און מען האט געענדיגט דעם פסוק וישב ישראל בארץ מצרים בארץ גשן, גיט דער **סאטמארער רב** א זאג פאר מיין טאטע ז"ל, **סאמבאטהעלער רב**, איך האב אייך געליינט מענינא דיומא. איר פארט יעצט קיין ארץ ישראל, 'וישב ישראל בארץ מצרים', איזריעל האט באזעצט ארץ מצרים...

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרב **נחמן לייפער** שליט"א, עב"ג בן הרב **דוד אלי' לייפער** שליט"א (בן כ"ק האדמו"ר מוועררדאן שליט"א), שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***ערב שבת פרשת ויגש***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אשר אנשיל בינעט** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **חיים ראובן זאב בראך** ע"ה (חתן הגה"צ מהעלמעץ זצ"ל).

*

***שבת קודש פרשת ויגש***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א באטע** בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד הבחור בנש"ק **שלום שמחה ישכר בער האגער** נ"ו (בן הרה"ג רבי חיים מאיר האגער שליט"א, נכד כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א).

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל הבאווארפן של החתן **אברהם** נ"ו בן הר"ר **יהודא חיים מאנן** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סאמבאטהעלי.

במוצאי שבת התקיים המלוה מלכה לטובת מוסדותינו הק' בעיר וויליאמסבורג, העומדים לשם ולתפארת עם כאלף תלמידים ותלמידות המתחנכים בחינוך הסלולה לנו מרבותינו הק' מדור דור. המסיבה התקיימה ברוב פאר והדר באולם אימפיריעל, במקהלות עם רב, תלמידי וידידי קהלתנו ומוסדותינו הק', בראשות **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**.

המעמד נפתח על ידי היושב ראש הר"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו. אחר כך השמיע הרה"ג רבי **מענדל פרענקל** שליט"א (ר"מ בישיבתינו הק') דבר המוסדות. אחר פרקי שירה וזמרה על ידי ילדי מקהלות 'פרחי שיר ושבח' השמיע הרב **יוסף דוד אונגאר** שליט"א (סגן מנהל במחנה עדת יראים) דברים בשבח המוסדות.

בקשב רב נשמעו דברות קודש מאת **רבינו שליט"א** שדיבר בגודל מעלת החזקת התורה. בברכת המזון נתכבד הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א, מנהל התלמוד תורה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א כבוד צו באגריסען דעם ציבור יודען וואס זענען זיך צוזאמגעקומען מחזק צו זיין אונזערע מוסדות דא אין וויליאמסבורג. די תלמוד תורה, די מיידל שולע, וואו עס ווערן נתחנך ב"ה הונדערטער קינדער לתורה ועבודה. איך וועל זאגען א פאר ווערטער לכבוד די תומכי תורה, זיי זאלן וויסען דעם געוואלדיגען זכות וואס זיי האבן מיט דעם וואס זיי שטיצן מוסדות התורה.

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז יוסף האט זיך געזעגנט פון די ברודערס, און ער האט זיי געהייסען אז זיי זאלן גיין צום פאטער, און זאגן אז יוסף לעבט. און זיי זענען געקומען צו יעקב אבינו, און זיי האבן אים געזאגט עוד יוסף חי, ויפג לבו כי לא האמין להם. וירא את העגלות, ווען ער האט געזען די עגלות וואס יוסף האט געשיקט מען זאל אים ברענגען, ותחי רוח יעקב אביהם (מה-כו), האט ער אויפגעלעבט.

**אין** מדרש (ב"ר צד-ג) שטייט, אז יוסף האט געגעבן א סימן פאר יעקב אז ער זאל גלייבען אז ער איז יוסף, אז ווען זיי האבן זיך געזעגנט, האבן זיי עוסק געווען אין די פרשה פון עגלה ערופה. און דאס וועט זיין א סימן מובהק אז ער איז יוסף. אין **דעת זקנים** (בראשית מה-כז, ועיין **בתורה שלמה** שם) איז דא נאך א מהלך וואס די עגלות זענען געווען, אז ווען

יוסף איז אוועקגעגאנגען פון יעקב, האט יעקב זיך דעמאלטס אפגעגעבן מיט איינפלאנצן ארזים, טענענביימער. האט אים יוסף געפרעגט, וואס זענען די ארזים, פארוואס טוסטו דיך מתעסק זיין דערמיט. האט ער אים געענטפערט, עס וועט קומען א צייט וואס יודען וועלן אויפבויען א משכן פארן אייבערשטען, און מען וועט דארפן האבן קרשים צו בויען די משכן, פלאנץ איך יעצט איין ארזים, כדי אז מען זאל דאס קענען מיטנעמען ווען מען גייט בויען א משכן.

**און** ער האט אים ממשיך געווען, אז דעם משכן וועט מען טראגען פון איין פלאץ צום אנדערן פלאץ, יודען וועלן זיין אין מדבר, און וואו מען וועט גיין וועט מען מיטנעמען דעם משכן, און מען וועט דארפן האבן עגלות, וועגענער, מיט וואס מען זאל טראגען די קרשים פון די משכן. און אזוי איז געווען שפעטער, ווען מען האט אויפגעשטעלט די משכן, האבן די נשיאים מקריב געווען ביי די חנוכת הנשיאים, און זיי האבען געברענגט זעקס עגלות, זעקס וועגענער, מיט וואס מען זאל טראגען די קרשים פון די משכן, און זיי האבן אויך געברענגט די בהמות וואס זאלן עס טראגען. און די פרשה האט יעקב געלערנט מיט יוסף בעפאר ער איז אוועקגעגאנגען, און יוסף האט יעצט געגעבן א סימן צוריק פאר יעקב, וירא את העגלות, ער האט געזען די פרשה פון די עגלות וואס ער האט געלערנט מיט אים, און דעמאלטס ותחי רוח יעקב אביהם.

**אוודאי** איז דאס וואס יעקב האט געלערנט מיט יוסף די לעצטע מאל פאר זיי האבן זיך געזעגנט אויף צוויי און צוואנציג יאר, געווען צוגעפירט מן השמים. אבער פארוואס האט ער געלערנט מיט אים דווקא די פרשה פון די עגלות פונעם משכן? און די חידוש איז נאך מער, וירא את העגלות, ער האט געזען די עגלות, ער האט דאך געלערנט מיט אים צוויי זאכן, ער האט דאך אים געזאגט אז מען גייט בויען א משכן, און דאס אז ווען מען וועט טראגען דעם משכן פון איין פלאץ צום אנדערן פלאץ, וועט מען דארפן האבן עגלות, איז נאר געווען א פועל יוצא. פארוואס האט יוסף ארויסגעברענגט פארן פאטער אז ער זאל געדענקען אז מען האט געלערנט די פרשה פון די עגלות, ווי אזוי מען וועט טראגען די משכן שפעטער. אז ער האט געוואלט געבן א סימן, וואלט ער געקענט אנהייבן פון אנהייב, אז מען האט איינגעפלאנצט ארזים כדי צו האבן א משכן פארן אייבערשטען. וואס איז דער ענין אז ער האט אים מודיע געווען אז ער האט געלערנט מיט אים די פרשה פון די עגלות וואס מען האט געברענגט שפעטער ביי די חנוכת הנשיאים.

*

**עס** איז היינט נאכט עשרה בטבת, דאס איז די ערשטע תענית פון די פיר תעניתים, וואס מען פאסט וועגן דעם חורבן פונעם בית המקדש. עשרה בטבת האט מען ארומגענומען די שטאט ירושלים, און די מצור אויף ירושלים האט אנגעהאלטן צוויי און א האלב יאר. פון טבת ביז צוויי יאר שפעטער חודש אב, ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן. און די חכמים האבן קובע געווען אז מען זאל האלטן דעם טאג פאר א תענית. דער **בית יוסף** (או"ח תקנ-ג) ברענגט צו פונעם **אבודרהם** (הל' תענית עמ' רנד), אז דער תענית פון עשרה בטבת האט אין זיך א חומרא מער פון אלע אנדערע תעניתים, און מער פון תשעה באב. אז ווען עשרה בטבת וואלט געקענט געפאלן אין שבת וואלט מען געפאסט אפילו אין שבת. עס קען נישט געפאלען אין שבת, אבער טאמער עס וואלט געפאלען אין שבת, וואלט מען געפאסט אים שבת. ווייל עס שטייט אין פסוק (יחזקאל כד-ב) כתוב לך וגו' את עצם היום הזה וכו'.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (**בתורת משה** מהדו"ק דרוש לז' אדר ט:) שטעלט זיך, און ער פרעגט, פארוואס איז עס אזוי, אז מען האט קובע געווען א תענית אויף עשרה בטבת, אז עס זאל זיין אזוי הארב, מער פון דעם תענית פונעם חורבן בית המקדש. דער חורבן איז דאך דער חורבן פונעם בית המקדש, און דאס איז נאר די מצור וואס מען האט ארויפגעלייגט אויף די שטאט, פארוואס זאגט מען אז אויף דעם מצור דארף מען פאסטען שבת, און אויפן חורבן פונעם בית המקדש דארף מען נישט פאסטען אים שבת.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, עשרה בטבת איז געוועהן דער אנהייב פונעם חורבן, עס איז געוועהן די התחלה וואס מען האט אנגעהויבן ארומצונעמען די שטאט, אז די אויבים זאלן קענען שפעטער חרוב מאכען דעם בית המקדש. אין דעם טאג פון עשרה בטבת איז געזעסן אויבן די פמליא של מעלה, און מען האט דן געווען, צו דאס וואס די אויבים טוען יעצט ארומנעמען די שטאט, צו זאל מען חרוב מאכען דעם בית המקדש, צו זאל מען נישט חרוב מאכען דעם בית המקדש. און מען זעהט אז דער דין איז געווען, אז מען זאל חרוב מאכען דעם בית המקדש. דאס איז געווען דעמאלטס, עשרה בטבת.

**זאגט** דער **חתם סופר**, יעדער דור וואס דער בית המקדש ווערט נישט אויפגעבויט, איז כאילו עס וואלט חרוב געווארן אין די צייט (ירושלמי יומא א-א). יעדעס יאר עשרה בטבת איז מען דן אויבן אין הימל, אויף דעם חורבן פונעם קומענדיגען יאר, צו דער בית המקדש זאל ווערן אויפגעבויט אין דעם יאר, צו נישט. די תענית פון עשרה בטבת איז אנדערש פון אלע אנדערע תעניתים אויפן חורבן. א תענית וואס מען פאסט אויף א עבר, אויף א זאך וואס איז אדורכגעגאנגען, פאסט מען נישט אין שבת. ווען א מענטש האט יארצייט, יום שמת בו אביו ואמו, פאסט מען נישט אין שבת, ווייל עס איז א צרה וואס איז געווען. אויף א תענית חלום, אויף א צרה וואס גייט קומען, פאסט מען אפילו שבת אויך (שו"ע או"ח רפח-ד), ווייל עס איז א עונג פארן מענטש, אז ער קען מיט דעם תענית מבטל זיין די צרה.

**די** אנדערע טעג וואס מען פאסט אויפן חורבן פונעם בית המקדש, איז אויף א צרה וואס איז געווען, און אויף א צרה וואס איז געווען פאסט מען נישט אין שבת. און וועגן דעם, טאמער תשעה באב און שבעה עשר בתמוז פאלן אויס אין שבת ווערט עס נדחה, אבער די תענית פון עשרה בטבת איז נישט אויף א צרה וואס איז געווען, נאר מען איז דן היינט, אין עשרה בטבת איז מען דן, צו אונז זאל מיר זוכה זיין אז עס זאל ווערן אויפגעבויט דער בית המקדש, צו נישט. און אונז פאסט מיר, אז עס זאל ארויסקומען דעם מינוט אויבן אין הימל, אז דאס יאר זאל זיין די גאולה. און אזא תענית פאסט מען אין שבת אויך. אזוי זאגט דער הייליגער **חתם סופר**. קומט אויס, אז מען איז דן היינט אויבן אין הימל, צו דאס יאר זאל אנהאלטן דער חורבן, אדער מען זאל זוכה זיין צו די גאולה.

**מען** ווייסט אז דער בית המקדש איז חרוב געווארן וועגן די עוונות וואס איז געווען, ומפני חטאינו גלינו מארצנו. און אזוי שטייט אין מדרש (איכ"ר א-לב) אז ווילאנג די תינוקות של בית רבן זענען געזעסן און געלערנט תורה, אזוי לאנג איז די שכינה נישט אוועקגעגאנגען פונעם בית המקדש. אפילו עס איז געווען גלו סנהדרין, זיי זענען אוועקגעגאנגען פון זייער מקום, גלו משמרות, די משמרות זענען אוועקגעגאנגען פון די כהונה, איז נאך אלץ געבליבן די שכינה אין ירושלים. אבער ווען עס איז געווען עולליה הלכו שבי, ווען די תינוקות של בית רבן זענען אוועקגעגאנגען, ויצא מבת ציון כל הדרה (איכה א-ה), דאס האט צוגעברענגט דעם חורבן פונעם בית המקדש. ווילאנג עס איז דא תינוקות של בית רבן וואס זיצען און לערנען תורה, אזוי לאנג איז נישט געווען דער חורבן. - איז זייער צוגעפאסט אז אין אזא צייט וואס מען איז דן אויבן אין הימל אויפן חורבן פונעם בית המקדש אויפן קומענדיגן יאר, צו דער חורבן זאל אנהאלטן צו נישט, קומען זיך צוזאם יודען, און מען טוט אויפהאלטן אז תינוקות של בית רבן זאלן קענען זיצען און ממשיך זיין צו לערנען, איז אוודאי א געוואלדיגער זכות אין אזא צייט צוצוגעבן און האבן א זכות אין די תינוקות של בית רבן. און בעטן און מתפלל זיין, אז דאס יאר זאל מען שוין דן זיין אויף אונזער גאולה, אז מיר זאלן אויסגעלייזט ווערן דעם יאר.

*

**עס** שטייט אין די גמרא (סוטה ט.), אז דער משכן וואס מען האט געבויט אינעם מדבר, איז באהאלטן געווארן, עס איז נגנז געווארן, און עס איז געבליבן אויף לעולם ועד. עצי שטים עומדים (שמות כו-טו) דרשנ'ט די גמרא (יומא עב.), עומדים, אז זיי זענען קיימים לעד, עס בלייבט אויף שטענדיג.

כאטש האלץ צוגייט, עס בלייבט נישט, און עס איז שוין אדורכגעגאנגען אזויפיל טויזנטער יארן פון דעמאלטס, איז אבער אלעס גאנץ געווארן, די אהל מיט די קרסים מיט די קרשים, אלעס וואס איז געווען, אלעס איז עומדים, אלעס שטייט אזוי ווי עס איז געווען.

**עס** שטייט אין מדרש (במדב"ר יב-יח), אז נישט נאר דער משכן שטייט אויף שטענדיג, נאר די עגלות, די וועגענער, מיט וואס מען האט געטראגן די משכן, עקזיסטירט נאך אויך היינט, עס איז נישט קאליע געווארן, עס איז אוועקגעלייגט געווארן. און נישט נאר די עגלות שטייען, נאר אויך די שורים, די אקסען וואס האבן געטראגען די עגלות, לעבן נאך אויך היינט. לא הוממו, זיי האבן נישט באקומען א מום, לא הזקינו, זיי זענען נישט אלט געווארן, לא הוטרפו, זיי זענען נישט טריפה געווארן, זיי זענען חיים וקיימים לעד. - און דער מדרש גיט צו דערצו, אז מען זעהט די חשיבות פון די וואס האבן נאר צוגעהאלפן פאר די משכן, זיי האבן צוגעהאלפן פאר קודש, זענען זיי געווארן א טפל לקודש, און זיי זענען געבליבען חיים וקיימים לעד. זאגט דער מדרש, יודען זענען טפלים צום אייבערשטען, נאנט צום אייבערשטען, און זיך מדבק אינעם רבונו של עולם, האבן מיר אויך די חשיבות אז מיר זענען קיימים לעד. אזוי שטייט אין מדרש. - יעדע זאך אין תורה הק' לערנט אונז עפעס. וואס לערנט אונז די תורה מיט דעם, אז די עגלות פונעם משכן, מיט די שורים וואס מען האט געטראגען די משכן, איז געבליבן לעד.

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין א רמז, עס שטייט אין די גמרא (כתובות קיא:), רבי אלעזר האט געזאגט, עמי הארצות אינן חיים, ווען עס וועט זיין תחיית המתים, וועט נישט יעדער אויפשטיין צו תחיית המתים. א עם הארץ וואס האט נישט געלערנט תורה, וועט נישט אויפשטיין צו תחיית המתים. ווען רבי אלעזר האט דאס געזאגט, האט עס זייער וויי געטון פאר רבי יוחנן, און ער האט געזאגט, לא ניחא למארייהו, עס איז נישט ניחא פארן אייבערשטען, אז מען זאל אזוי זאגן. דער אייבערשטער האט נישט א הנאה פון די דרשה וואס דו האסט געזאגט, אז א עם הארץ וועט נישט אויפשטיין צו תחיית המתים. אמר ליה, האט ער אים געענטפערט, נישט איך זאג עס, מקרא אני דורש, איך האב א פסוק, און דער פסוק זאגט אזוי, כי טל אורות טלך (ישעיה כו-יט), די תורה איז טל, א טל פון תחיה, כל המשתמש באור תורה, אור תורה מחייהו, ווען א מענטש איז זיך משתמש מיט די ליכטיגקייט פון די תורה, וועט אים די תורה מאכן לעבעדיג, וכל שאין משתמש באור תורה, אין אור תורה מחייהו, אז מען האט נישט קיין אור תורה, קען מען נישט אויפשטיין תחיית המתים. נאר תלמידי חכמים וועלן אויפשטיין תחיית המתים, אבער עמי הארצות וועלן נישט אויפשטיין.

**כיון** דחזייה דקמצטער, ווען רבי אלעזר האט געזען אז רבי יוחנן איז זיך מצטער מיט דעם דרשה, מוז מען דאך טרעפן עפעס א עצה פאר דעם עם הארץ אויך. האט ער געזאגט, מצאתי להם תקנה מן התורה, איך האב געטראפן א תקנה, יעדער קען אויפשטיין תחיית המתים. עס שטייט אין פסוק (דברים ד-ד) ואתם הדבקים בה' אלקיכם, ווען יודען וועלן זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטען, חיים כולכם היום, וועט מען לעבן אויף שטענדיג. קען זיך דען א מענטש מדבק זיין אינעם איבערשטען?! דער אייבערשטער איז דאך אש אכלה, ווי אזוי איז שייך ואתם הדבקים בה' אלקיכם. נאר ווען א יוד העלפט פאר תורה, ער איז משיא בתו לתלמיד חכם, ווען ער זוכט א איידעם, נעמט ער אריין אין שטוב א תלמיד חכם, ער זאל אים קענען מחזיק זיין אז ער זאל קענען לערנען. ער איז עוסק בפרקמטיא מיט די תלמידי חכמים, ער נעמט סחורה פון תלמידי חכמים און ער פארקויפט עס. ער איז מהנה תלמידי חכמים מנכסיו, ער איז מחזיק בני תורה אז מען זאל קענען לערנען, דאס איז די דביקות וואס מען קען זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטען. און אויף דעם איז אויך געזאגט געווארן, חיים כולכם היום, אז זיי וועלן אויפשטיין תחיית המתים. כאטש בעצם זענען זיי נישט ראוי אז זיי זאלן אויפשטיין תחיית המתים, זיי האבן נישט א אור תורה וואס זאל זיי מחיה זיין, אבער זיי ווערן א טפל צו די תלמידי חכמים. תלמידי חכמים שטייען אויף תחיית המתים, און אז דו האסט געהאלפן פאר דעם תלמיד חכם, האסט אים מהנה געווען מנכסיו, דו האסט צוגעהאלפען אז דער תלמיד חכם זאל קענען

זיצען און לערנען, האסט געגומען א אײדעם א תלמיד חכם, ווערסטו א טפל צו א תלמיד חכם, דו ביסט דבוק בה' אלקיכם, און דו וועסט אויך אויפשטיין תחיית המתים.

**ווי** זעהן מיר אזא ענין, אז אפילו מען איז נאר דבוק צו א זאך וואס בלייבט לעבן אויף שטענדיג, לעבט מען אויך אויף שטענדיג. דאס האט דער אייבערשטער געוויזען ביים משכן. אין משכן איז געווען דער ארון און די כרובים, דער ארון דאס איז די תורה הק', און די כרובים דאס זענען די תינוקות של בית רבן וואס זענען איבער דעם ארון. דער משכן דאס איז דער סימבאל פון תורה וואס איז דא אויף די וועלט. און נישט נאר דער משכן איז חיים וקיימים לעד, נישט נאר די עצי שטים פון די קרשים שטייען אויף שטענדיג, דאס איז א פשיטא, זיי זענען די תורה, און תורה איז א נצחי, אוודאי בלייבט דער משכן אויף אייביג. נאר אפילו ווען מען דארף טראגען דעם משכן, און איינער העלפט צו, צו טראגען דעם משכן, מען דארף א וואגען וואס מען זאל ארויפלייגען דעם משכן אז מען זאל עס קענען טראגען, דער עגלה בלייבט אויך אויף שטענדיג. און נישט נאר דער וואגען וואס טראגט אויף זיך דעם משכן, נאר אפילו דער וואס העלפט פאר דעם עגלה, די בהמה וואס איז א גורם דגורם, פון דעסטוועגן דאך וויבאלד זיי זענען דבוק צו די תורה הק', האט דער אייבערשטער געוויזען אז די בעלי חיים וואס זענען דבוק צו די עגלה, זענען געבליבען גאנץ אזוי ווי ביי זייער לעבן. מיט די פרשה פון די עגלה האט די תורה אונז געוואלט לערנען, די חשיבות פון דעם וואס איז מחזיק תורה. אזוי ווי די משכן אליין איז חי וקיים לעד, די זעלבע איז די עגלה, די וואס האבן צוגעהאלפן צו טראגען די משכן. דער וואס טראגט אויף זיינע פלייצעס די תורה, ער איז א טפל צו די משכן, וועט ער אויך בלייבען אויף שטענדיג.

**בדרך** צחות קען זיין, אז דער פסוק רופט אן די עגלות, אז עס איז געווען עגלות צב (במדבר ד-ג). רש"י טייטשט, אז עס איז געווען מחופה, צוגעדעקט. די סוגיא אין די גמרא אז מען שטייט אויף תחיית המתים, און אז די וואס שטייען אויף תחיית המתים וועלן בלייבען אויף שטענדיג, און אינם חוזרין לעפרם, מען וועט נישט צוריקגיין לעפרם, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה ד-ג) והיה הנשאר בציון והנותר בירושלים קדוש יאמר לו. מה קדוש לעד, די זעלבע איז אויך די וואס שטייען אויף תחיית המתים איז אויך אויף לעד, איז א גמרא אין מסכת סנהדרין דף צב. דאס איז די 'עגלות צ"ב', דאס וואס מען לערנט אראפ פון די עגלות, אז די וואס האבן צוגעהאלפן וועלן אויך אויפשטיין תחיית המתים, זייער שורש איז אין די גמרא מסכת סנהדרין דף צב, ווי די גמרא דרשנ'ט אזוי.

**און** דאס איז דער לימוד וואס די תורה האט אונז געוואלט לערנען, צו ווייזען די חשיבות פון מחזיקי תורה. וואס תורה פארמאגט, פארמאגט דער מחזיק תורה אויך. דער וואס העלפט צו, אז תורה זאל זיך קענען האלטן, דער האט א חלק אין די תורה הק'. און וואס דער אייבערשטער וועט טון פאר די לומדי תורה, טוט ער אויך פאר די מחזיקי התורה. אז דער בית המקדש האט נישט געקענט חרוב ווערן ווילאנג עס איז געווען דארט די תינוקות של בית רבן, פארשטייט מען די געוואלדיגע חשיבות פון תינוקות של בית רבן. און ווי קענען מיר האבן א חלק אין די חשיבות פון די תינוקות של בית רבן? דאס וואס א יוד שטיצט תלמוד תורה'ס, ער העלפט פאר תינוקות של בית רבן אז זיי זאלן קענען ווייטער אנהאלטן מיט זייערע לימודים, רעכנט אים דער אייבערשטער אז די זכותים וואס תינוקות של בית רבן האבן, האט ער אויך. ווייל ווען א מענטש איז דבוק צו א זאך, טוט אים דער אייבערשטער רעכענען כאילו ער איז א חלק דערפון.

*

**אין** הימל האט מען געוואוסט, אז יוסף גייט יעצט אוועק פון יעקב, און יוסף דארף יעצט אדורכגיין א שווערע נסיון אין מצרים, ער דארף זיך דארט האלטן בקדושה, און ער דארף אראפלייגען די יסוד פאר די גליות'ן וואס וועלן קומען שפעטער. אין מדרש (ויק"ר לב-ה) שטייט, אז יוסף ירד למצרים וגדר עצמו מן הערוה, ונגדרו ישראל בזכותו, מיט זיין נסיון וואס ער האט געהאט, האט ער אראפגעלייגט דעם כח פארן גאנצן כלל ישראל. **וואס גיט כח פאר**

**א מענטש בעת נסיון אז ער זאל זיך קענען האלטן ערליך? ויגבה לבו בדרכי ה'. וויסען די חשיבות. ווען א מענטש וואלט געוואוסט זיין גרויסע מעלות הנפש וואס ער האט, וואס ער קען זוכה זיין ווען ער פירט זיך ערליך, אז ער קען זוכה זיין, צו זיין חי וקים לעד, לעבן אויף שטענדיג, זוכה זיין צו חיים נצחיים, חיי עולם הזה, און חיי עולם הבא, ווען דאס וואלט געלעגן שטענדיג פאר זיינע אויגן, וואלט ער זיך נישט נאכגעלאזט אוועקצוגיין פון זיין קדושה, און טון א עבירה.** אז מען ווייסט אז קדושה איז א זאך וואס איז לעד, א זאך וואס עס בלייבט אויף שטענדיג, גיט עס דעם כח פאר א מענטש, אז ער זאל נישט טון א זאך וואס מיט דעם וועט ער פארלירן זיין גאנצע עתיד שפעטער.

**אזוי** ווי מען האט געוואוסט אז יוסף דארף אדורכגיין דעם נסיון, האט דער אייבערשטער צוגעפירט אז יעקב זאל לערנען מיט יוסף וואס קדושה איז טייטש. אז קדושה איז א זאך וואס איז עומדת לעד, האט ער געלערנט מיט אים די פרשה פונעם משכן, אז מען גייט בויען א משכן פארן אייבערשטען, וואס וועט בלייבן אויף שטענדיג. און נישט נאר דער משכן, נאר אויך די פרשה פון די עגלות, אז ווער עס האט נאר א חלק אינעם משכן, א חלק צו קדושה, א טפל צו קדושה, איז ער אויך עומד לעד. און דאס איז געווען שטענדיג פאר די אויגן פון יוסף. די לימוד וואס ער האט געלערנט ביי זיינע עלטערן, אז קדושה איז א זאך וואס איז עומדת לעד, וואס בלייבט אויף אייביג. און ווען א מענטש ווייסט דאס, טוט ער נישט אוועקגיין און טון א זאך וואס ער גייט פארלירן דורך דעם זיין גאנצע עתיד, דאס האט אים געהאלטן בקדושה אין די צייט וואס ער איז געווען אין מצרים.

**ווען** מען גייט זאגן פאר יעקב אבינו אז יוסף לעבט, ווער ווייסט ווי אזוי יוסף זעהט אויס. ווי אזוי קען זיך יעקב פרייען מיט יוסף וואס איז א מלך אין מצרים. האט אים יוסף געשיקט זאגן, דו זאלסט וויסען אז פאר איך בין אוועקגעגאנגען האבן מיר געלערנט די פרשיות פון די עגלות, און די פרשה איז געלעגן שטענדיג פאר מיינע אויגן, אז קדושה איז א זאך וואס בלייבט אויף אייביג. און די קדושה פון יוסף איז באמת געבליבן אויף אייביג, דורך די קדושה פון יוסף זענען נגדר געווארן אלע יודען שפעטער, און יוסף איז געווארן דער סימבאל פון קדושה, ווייל דאס האט ער געלערנט ביי יעקב אבינו ביי די פרשה פון די עגלות, וואס האט אים געוויזען אז די עגלות בלייבן נצחיים. האט ער געשיקט זאגן פארן פאטער, געדענק די פרשיות וואס מיר האבן געלערנט, וועסטו וויסען ווי אזוי איך זעה אויס, אז איך פיר זיך ערליך. און ווען ער האט געזען את העגלות אשר שלח יוסף, ער האט געזען די עגלות וואס ער שיקט אים, ותחי רוח יעקב אביהם, דעמאלטס האט יעקב אבינו אויפגעלעבט.

**דאס** איז אונזער זכות, וואס מיר זענען מחזיק תורה אין וואס פאר א מעגליכקייט עס קומט אויס, סיי מחזיק זיין תלמידי חכמים, און סיי מחזיק זיין ישיבות וואו מען לערנט, תינוקות של בית רבן וואס לערנען תורה. עמי הארץ אינם חיים, מען ווייסט קיינמאל נישט אין וואס פאר א גדר מען איז, צו מען וועט זוכה זיין צו תחיית המתים, צו מען איז אינעם גדר פון עמי הארץ וואס זענען אינם חיים, אסאך מאל קען מען נישט זוכה זיין אז מען זאל קענען האבן דעם אור תורה וואס ער זאל זיך משתמש זיין דעמיט. אבער די מחזיקי התורה, די וואס טוען צוהעלפן עס זאלן ארויס קומען תלמידי חכמים, מען שטעלט דאך אויף, דעם קומענדיגן דור פון תלמידי חכמים און מורה הוראות בישראל, ווער עס האט א חלק דערצו, האט א חלק אינעם כלל ישראל, און ער האט אין זיך די ברכה אז ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום.

**וויל** איך באדאנקען פאר די אלע וואס זענען מחזק די מוסדות. עס איז באמת א מוסד וואס איז לשם ולתפארת, איך האלט מיט פון דער נאנט אין די תלמוד תורה, כל הדבר הגדול והקטן קומט אויס אז מען פרעגט איבער, און די הנהלה גיט אוועק שעות צו זעהן וואס מען קען אלץ צוהעלפן אז די תינוקות של בית רבן זאלן שטייגען. דאס איז דער חלק הרוחני.

**די** חלק הגשמי, רבי שמואל דוד זאל זיין געזונט, וואס פירט עס אזוי שיין, מיט א אמת'דיגע

איבערגעגעבנקייט, ער האט נישט קיין טאג און קיין נאכט, ער איז זיך מפקיר אינגאנצן פאר די הצלחה פון די מוסד. און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן אז חפץ ה' יצליח, ער איז מצליח. ווי ער לייגט צו א האנט, גייט עס מיט אסאך הצלחה. דארף מען אבער וויסען אז נישט נאר דער משכן איז עומדת לעד, נאר ווער עס העלפט צו פאר די הנהלה, די הנהלה דאס איז די עגלות, אבער די וואס העלפן צו פאר די עגלות זענען אויך חיים וקיימים לעד. לא היזקנו ולא הוטרפו, א מענטש ביים לעבן דארף אויך האבן זכותים, אז ווען מען לעבט זאל מען לעבן ביז די לעצטע מינוט, און מען זאל קענען זיין ביים קלארן דעת, עס זאל נישט פאלן קיין זקנה אויף א מענטש. לא הזקנו ולא הוטרפו, מען זאל ח"ו נישט צוקומען צו א מחלה. און די אלע זכותים האט מען, ווען א מענטש טוט צו העלפן פאר תורה. עס איז נישט גענוג אז מען קומט זיך צוזאם איינמאל אין יאר און מען איז מחזיק, נאר מען דארף עס אינזין האבן אינמיטן יאר וואס מען קען טון בגופו ובממונו. עס פעלט אויס עסקנות, מען דארף צוהעלפן וואס מען קען צוהעלפן, אלע זאלן האבן א חלק אין החזקת התורה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, עשרה בטבת איז מען דן אויבן אין הימל צו אונז זאל מיר זוכה זיין אז דאס יאר זאל אויפגעבויט ווערן דער בית המקדש, זאל דער אייבערשטער זעהן ווי אזוי יודען שטרענגען זיך אן, און זיי געבן אוועק געלט פאר תינוקות של בית רבן, וואס דער חורבן האט זיך נישט אנגעהויבן נאר ווען די עולליה זענען ארויסגעגאנגען אין געפענגעניש, דעמאלטס איז ויצא מבת ציון כל הדרה. אין דעם זכות זאל דער אייבערשטער געבן פאר די אלע וואס זענען זיך משתתף, אז זיי זאלן געבענטשט ווערן מיט אלעס וואס זיי דארפן האבן, בני חיי ומזוני רויחי, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

*

***יום ראשון פרשת ויחי***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו לפאלם ספרינגס למנוחה.

*

***שבת קודש פרשת ויחי***

התפלות וסעודה שלישית התקיימה בבית המדרש חב"ד בעיר. – בסעודה שלישית השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בענין שיעבוד בני ישראל במצרים שעברו שם כמה תקופות שונות, ודברי חיזוק ומוסר למלאות הימים בתורה ומעשים טובים.

# פרשת שמות - בא י"ז טבת – ח' שבט תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת שמות***

בשעות הבוקר הגיע **רבינו שליט"א** למעונו, בחזרה מפאלם ספרינגס, לקראת שמחת הבר מצוה של נכדו הב' **משה מרדכי צבי** נ"ו בן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א** חדב"ן.

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **ראובן לעפקאוויטש** הי"ו, ולבן הר"ר **אברהם טענענבוים** הי"ו, ולבן הר"ר **חיים וויינבערגער** הי"ו, ולבן הר"ר **משה לעפקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב נקבצו ובאו קהל רב תלמידים וחסידים אנשי שלומינו שיחי' לשמוח בשמחתו של **רבינו שליט"א**, שמחת הבר מצוה של נכדו בנש"ק הב' **משה מרדכי צבי** נ"ו בן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א** חדב"ן, בן **הגה"צ רבי שמואל חיים הלברשטאם שליט"א** אב"ד קרשאנוב, שהתקיים בבית מדרשנו הגדול.

בסעודת הבר מצוה נשאו דברים הסב **הגה"צ אבד"ק קרשאנוב שליט"א** ואבי הבר מצוה **הרה"ג רבי יואל שליט"א**. אחר כך השמיע חתן הבר מצוה פלפול בסוגיא דעשה דוחה לא תעשה (ביצה ח.) במשנת זקינו מרן **הגה"ק בעל דברי חיים זי"ע**. אחר הדרשה סיים חתן הבר מצוה את מסכת תענית. אחר אמירת קדיש דרבנן ע"י **רבינו שליט"א** עמדו הקהל בריקודין בתופים ומחולות בשמחה של מצוה, **ורבינו שליט"א** ושאר בעלי השמחה רקדו במחול מיוחד עם חתן הבר מצוה. – בסיום הריקודין השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לרגל השמחה.

באמירת לחיים נתחלק לקהל המשתתפים הספר החדש '**שמניך טובים**' שיצא לאור לקראת השמחה, ובו לקט דברי תורה **מרבינו שליט"א** על שבת שירה וט"ו בשבט, ודברי הדרכה ומוסר לימי השובבי"ם. – יה"ר שמשמחה זו יושפע שמחה וחדוה לנו ולכל ישראל.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באדאנקן פאר אלע גוטע פריינט וואס זענען זיך צוזאמגעקומען אטייל נעמען ביי די שמחה פון די בר מצוה פון מיין חשוב'ען אייניקל משה מרדכי זאל זיין געזונט. עס איז באמת ביי מיר א געוואלדיגע שמחה, מען זעהט ב"ה די פירות וואס קומען ארויס פון די חשובע שטוב פון מיין איידעם רבי יואל זאל זיין געזונט, מען זעהט די המשך הדורות, און די שיינע חינוך וואס ער האט געגעבן פאר די קינדער. וואס די שטרעבן פון יעדן יוד איז, צו זעהן דורות, בנים ובני בנים וואס גייען בדרכי התורה, איז עס באמת א שמחה ביי מיר. דער אייבערשטער זאל העלפן איך זאל קענען ווייטער זעהן ביי זיי אסאך נחת, און אלע משתתפים זאלן זעהן שמחה און נחת ביי זייערע קינדער.

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז יעקב אבינו האט געבענטשט אלע זיינע קינדער, און פאר יעדן האט ער געגעבן זיין ברכה וואס איז נוגע פאר אים, און די שענסטע ברכה האט ער געגעבן פאר יוסף. יוסף האט ער עקסטער געבענטשט אין אנהייב פון די פרשה, און די לענגסטע אריכות פון די ברכות האט ער געגעבן פאר יוסף אין סוף פון די פרשה. קיין איינע פון די אייניקלעך האט ער נישט געבענטשט, נאר זיינע אייניקלעך פון יוסף, אפרים און מנשה. און נישט נאר ער האט זיי געבענטשט, נאר ער האט אנגעוואונטשען גאנץ כלל ישראל, אז מען זאל שטענדיג וואונטשען, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה. ער האט אויסגעקליבן אפרים און מנשה, אז אלע עלטערן זאלן זיך וואונטשען, אז מיין קינד זאל זיין אזוי ווי אפרים און מנשה. וואס איז דער ענין אז ער האט געגעבן א ברכה ספעציעל פאר יוסף. עס איז נישט ווייל יוסף איז געווען א מלך, צו ווייל יוסף איז אים געווען א באליבט קינד, און וועגן דעם האט ער געגעבן א ברכה פאר אים און פאר די אייניקלעך. עס מוז זיין אז עס איז דא א געוויסע נקודה דערין, פארוואס דער מובחר שבאבות האט אויסגעקליבן צו געבן די ברכות פאר יוסף.

**און** דער חידוש איז נאך גרעסער, ווען יעקב האט געזען די קינדער פון יוסף, האט ער געפרעגט מי אלה, ווער זענען די? און רש"י זאגט, מי אלה, מהיכן יצאו אלה שאינן ראויין לברכה, ער האט

געזען די דורות וואס וועלן שפעטער ארויסקומען, אז זיי זענען נישט ראוי לברכה. און יוסף האט זיך מתחנן געווען, און ער האט געזאגט, בני הם אשר נתן לי אלקים בזה. און יעקב האט מסכים געווען, און ער האט געזאגט, קחם נא אלי ואברכם (מח-ט). קודם האט ער געזאגט אויף אפרים און מנשה שאינם ראויין לברכה, און נאכדעם נישט נאר אז זיי זענען נישט אינם ראויין לברכה, נאר ער האט זיי געגעבן א ברכה, אז יעדער זאל זיך בענטשען ישימך אלקים כאפרים וכמנשה.

**איך** האב געזען א ווארט פונעם **באבובער רב זצ"ל**, דער **קדושת ציון**, בדרך צחות. ווען א קינד ווערט בר מצוה, זאגט דער פאטער די ברכה, ברוך שפטרני מעונשו של זה. יעדער טאטע האט אויף זיך א חיוב מחנך צו זיין די קינדער. חינוך איז נישט אזוי גרינג, אויב מען פארפאסט עפעס אין די חינוך פונעם קינד, קען מען אסאך מאל פארפאסן דאס גאנצע קינד, און אלע דורות שפעטער. ווען מען קומט אריין צו די בר מצוה, און ער ווערט אליין מחויב, דאנקט ער דעם אייבערשטען, ברוך שפטרני מעונשו של זה. - דאס איז גוט ווען מען האט א קינד וואס מען פלאגט זיך מיט זיין חינוך. אבער ווען מען האט א קינד וואס איז גוט, און מען פלאגט זיך נישט מיט זיין חינוך, דאס קינד איז א בעל כשרון, און א מתמיד, ער לערנט פלייסיג און ער פירט זיך אויף ערליך, און די עלטערן שעפן נחת פון דעם קינד, איז די ברכה וואס ער דארף זאגן, ברוך שפטרני מעונשו של זה, נישט אזא ספעציעלע ברכה, ער האט נישט געהאט א עונש פון דעם קינד, דאס קינד האט זיך זייער שיין אויפגעפירט.

**ווען** יעקב האט געזען מנשה און אפרים, און ער האט געזען וואס פארא חשובע קינדער זיי זענען, אז מען קען מחנך זיין אין מצרים אזעלכע קינדער, האט ער געפרעגט, מי אלה. נישט ווייל זיי זענען נישט ראוי אז עס זאל חל זיין אויף זיי א ברכה, פונקט פארקערט, מי אלה, ווער האט מחנך געווען אזעלכע חשובע קינדער, שאינן ראויין לברכה, זיי זענען נישט ראוי אז מען זאל מאכן אויף זיי די ברכה ברוך שפטרני מעונשו של זה. אויף אזעלכע קינדער דארף מען נישט זאגן ברוך שפטרני מעונשו של זה.

**עס** קען אפשר זיין נאך א ענין דערין. מיר גלייבן דאך אז אלעס וואס דער רבונו של עולם פירט, איז מן השמים מיט א השגחה פרטית. אלעס וואס גייט אדורך אויף א מענטש, אלע ענינים וואס יעדער גייט אדורך, זה בכה וזה בכה, אלעס איז אויסגערעכנט פון אויבן. אין אדם נוגע במוכן לחבירו (יומא לח:), קיינער קען נישט צורירן צו וואס עס איז צוגעגרייט פארן חבר, קיינער קען נישט צונעמען פון אים קיין שום זאך. וואס מען האט אויסגערופן אויבן אז ער זאל האבן, אפילו מען זאל וועלן מאכן אלע תחבולות שבעולם, אוועקצונעמען פון אים די ברכה, קען קיינער גארנישט טון, אוועקצונעמען פון אים וואס מען האט אים צוגעשטעלט. מיטן רבונו של עולם קען מען זיך נישט קריגן.

**און** דער גרעסטער משל דערויף איז יוסף הצדיק. יוסף, האט אים דער אייבערשטער געוואלט גרויס מאכן, דער אייבערשטער האט געוואלט אז ער זאל זיין א מלך. און ער האט אים געוויזען א חלום, אז אלע ברודערס ביקען זיך פאר אים. און די ברודערס זענען נישט געווען צופרידן, הנה בעל החלומות הלזה בא, ועתה לכו ונהרגהו (לז-יט), לאמיר זיך א עצה געבן, מיר וועלן אויסשפילן דעם חשבון פון אויבן. וואס איז געווען דער סוף? דער אייבערשטער האט זיי געלאזט אלעס אויספירן, נעמטס אים אוןווארפטס אים אריין אין א גרוב, און נעמטס אים נאכדעם ארויס, און פארקויפטס אים קיין מצרים. נישט נאר עטץ וועטס נישט מבטל זיין וואס דער אייבערשטער האט גוזר געווען, נאר עטץ וועטס בידים צופירן דערצו, אז ער זאל ווערן דער מלך, און אלע זאלן זיך ביקען צו אים. נישט נאר אז מען האט נישט צוגענומען פון יוסף וואס עס איז געווען אנגעשריבן, נאר די מענטשען וואס האבן אים געוואלט טון שלעכטס, זיי זענען געווען די שלוחים וואס האבן געטון די גוטס. זיי האבן אויסגעפירט דעם רצון ה', זיי האבן אים פארקויפט און געמאכט פאר א מלך אין מצרים, זיי האבן אויסגעפירט וואס דער אייבערשטער האט געוואלט. ווייל א מענטש קען נישט טון אליין. דער אייבערשטער טוט צופירן, אז פון דעם רעה וואס די מענטשען ווילן דיר טון, וועט ארויסקומען וואס דער רבונו של עולם וויל.

עס וועט נישט ארויסקומען די רעה וואס זיי טראכטן אים צו טון.

**נאך** די פטירה פון יעקב אבינו, ווען יוסף האט זיך געטראפן מיט די ברודערס, און זיי האבן מורא געהאט אז יעצט גייט זיי יוסף באצאלן, האט זיי יוסף געזאגט, 'אל תיראו', עטץ דארפטס נישט מורא האבן, 'כי התחת אלקים אני', בין איך דען אנשטאט דעם אייבערשטען, 'ואתם חשבתם עלי רעה', עטץ האטס געטראכט מיר שלעכטס צו טון, 'אלקים חשבה לטובה' (נ-יט), אבער דער אייבערשטער האט געטראכט מיר צו טון גוטס. פשוט לערנט מען, אז דער פשט דערפון איז, אז למעשה איז אויסגעקומען אז עטץ האטס מיר געטון גוטס, און נישט קיין שלעכטס, פארוואס האט עטץ מורא אז איך וועל ענק טון שלעכטס. - יוסף האט זיי געזאגט, איך קען ענק ממילא גארנישט טון, איך בין נישט תחת אלקים. אויב פאר ענק איז באשערט גוטס, איז נישט שייך אז איך זאל ענק צוריק טון שלעכטס. ווייל וואס איך וועל טון, וועט מען צופירן אז עס זאל ארויסקומען פון דעם דער רצון ה'. ווייל מען קען נישט משנה זיין וואס דער רבונו של עולם וויל. א ראיה האט עטץ, 'אתם חשבתם עלי רעה', עטץ האטס געוואלט טון מיט מיר שלעכטס, און 'אלקים חשבה לטובה', די רעה וואס עטץ האטס געוואלט טון, האט דער אייבערשטער צוגעפירט אז עס איז געווען א טובה. זעהט מען דאך פון דעם, אז א מענטש קען גארנישט טון, איז וואס האט עטץ מורא אז איך וועל ענק וועלן טון שלעכטס. אויב עס איז נישט באשערט פאר ענק רעה, וועט עס ממילא נישט קומען.

**און** דאס האבן יודען מיטגעלעבט אין מצרים די גאנצע צייט. זיי האבן געוואוסט אפילו עס איז א שווערע צייט, מען איז אין א גלות, און מען דארף אדורכגיין אין מצרים וואס מען דארף אדורכגיין, פון דעסטוועגן דאך, קען דיר קיינער נישט שלעכטס טון. וואס עס איז נישט אנגעשריבן אויבן אין הימל, קען א מצרי דיר גארנישט טון, און וואס עס איז יא אנגעשריבן אין הימל איז דא כמה דרכים למקום ווי אזוי עס זאל אנקומען. דאס וואס יודען האבן זיך אויפגעהאלטן אין גלות מצרים, איז געווען ווייל די סימבאל פון יוסף איז געשטאנען פאר זייערע אויגן, אז וואס די ברודערס האבן געוואלט טון פאר יוסף, און עס איז נישט געווען באשערט, איז די וואס האבן געטון די שלעכטס, די האבן געטון די טובה. דאס וואס יודען זענען געבליבען אין מצרים אזא גוי גדול איז געווען ווייל 'ויוסף היה במצרים' (שמות א-ה), דער ענין וואס איז געווען ביי יוסף, דאס וואס זיי האבן געזען אז וואס מען האט אים געוואלט טון שלעכטס, האט זיך שפעטער ארויסגעשטעלט אז עס איז געווען א טובה, דאס איז געווען פאר די אויגן פון די יודען אין מצרים.

**די** מפרשים טייטשן, ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף (שם א-ח), עס איז אויפגעשטאנען א מלך חדש וואס ער האט נישט אפגעלערנט די פרשה פון יוסף. און ער האט געזאגט, איך וועל מיך א עצה געבן מיט זיי, הבה נתחכמה לו פן ירבה, האט דער רוח הקודש געזאגט, דו זאגטס 'פן ירבה', איך זאג 'כן ירבה', וכאשר יענו אותו 'כן ירבה' וכן יפרוץ (שם א-יב). זיי האבן געוואלט ממעט זיין כלל ישראל, האבן זיי נישט נאר, נישט ממעט געווען כלל ישראל, נאר זיי האבן צוגעברענגט, אז דער אייבערשטער האט געזאגט כן ירבה. - יוסף האט אויסגעלערנט, אז אלעס איז מן השמים. אפילו ווען איינער וויל דיר שלעכטס טון, קען מען נישט טון א זאך וואס מען האט נישט אויסגערופן אויבן. און אויב עס האט יא פאסירט אז מען האט געטון שלעכטס, איז א סימן אז עס איז געווען אנגעשריבן אזוי אויבן אין הימל. און עס איז דא כמה דרכים למקום ווי אזוי דער אייבערשטער האט צוגעפירט, אז עס זאל פאסירן. ווייל א מענטש קען נישט טון גארנישט וואס מען האט נישט אנגעשריבן אויבן. דאס לערנט מען אראפ פון יוסף.

**און** נישט נאר מען לערנט עס אראפ פון יוסף, פון די גשמיות וואס ער איז אדורך אין מצרים, נאר עס גייט נאך טיפער. יוסף האט באקומען די שענסטע ברכות פון אלע ברודערס. די ברכות וואס יעקב אבינו איז געבענטשט געווארן פון זיינע עלטערן, האט ער איבערגעגעבן פאר יוסף. אל שדי נראה אלי בלוז ויברך אותי, ויאמר אלי הנני מפרך והרביתיך (בראשית מח-ג), די ברכות האט ער

שפעטער איבערגעגעבן פאר יוסף. ער האט געזאגט פאר יוסף, ברכות אביך גברו על ברכות הורי עד תאוות גבעות עולם, תהיין לראש יוסף ולקדקד נזיר אחיו (שם מט-כו), עס זאל קומען אויפן קאפ פון יוסף, וואס איז געווען אפגעשיידט פון זיינע ברודערס.

**וואס** דער פשט דערפון איז. דער הייליגער **חתם סופר** (**בתורת משה** ריש פ' וישלח) ברענגט צו, ווען יצחק האט געוואלט בענטשן עשו, און יעקב האט צוגענומען פון אים די ברכות, וואס איז געווען די כוונה פון יצחק אז ער וויל בענטשען עשו, און נישט יעקב. ער האט גענומען די ברכות וואס איז געווען מסורות בידו, ער האט געהאט מיט זיך די ברכות אברהם, און ער האט עס געדארפט איבערגעבן שפעטער פאר א קינד, און ער האט עס געוואלט איבערגעבן פאר עשו, און נישט פאר יעקב.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר** א דבר נפלא, אברהם אבינו האט געהאט אין די יונגע יארן שווערע יארן, ער איז נתחנך געווארן אין א שטוב וואו עס איז געווען עובדי עבודה זרה, קיינער האט נישט געוואוסט פונעם אייבערשטען צו זאגן, און ער האט געוואוינט צווישן גוים, און פון דעסטוועגן דאך האט ער זיך נישט אפגעלערנט פון זיי, און ער איז אליין ארויפגעקומען אויף אמונת אלקי עולם. ער האט זיך צוקריגט מיט יעדן איינעם, און ער איז געגאנגען זיין וועג, און געדינט דעם אייבערשטען. יצחק פאר זיך אליין, איז נתחנך געווארן אין א הייליגע שטוב פון אברהם. יצחק האט פארשטאנען אז די ברכות פון אברהם קען מען נישט איבערגעבן פאר איינעם וואס איז ערצויגען געווארן, און ער געפונט זיך שטענדיג באהלה של תורה, אז ער זאל זוכה זיין צו די ברכות אברהם, ווייל אברהם'ס ברכה איז געקומען נישט ווייל ער איז געווען באהלה של תורה, נאר אברהם האט באקומען זיינע ברכות ווייל ער איז געווען צווישן גוים, און ער האט זיך נישט אויפגעפירט אזוי ווי זיי, האט ער באקומען די ברכה.

**יצחק** האט געמיינט אז עשו פירט זיך אויף ערליך, האט ער געהאלטן אז יעקב איז נישט ראוי צו די ברכות אברהם, ווייל יעקב איז א איש תם יושב אהלים (שם כה-כז), ער דרייט זיך נישט אינדרויסן. עשו, וואס ער דרייט זיך ארום, איש יודע ציד איש שדה, און ער פירט זיך אויף ערליך, ער פרעגט היאך מעשרין את המלח, היאך מעשרין את התבן, ער קען באקומען די ברכות. האט ער געוואלט בענטשען עשו און נישט יעקב.

**למעשה** האט יעקב באקומען די ברכות. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, ער האט טאקע באקומען די ברכות, אבער ער איז נישט געווען א כלי אז ער זאל קענען מקבל זיין די ברכות, ווייל ער איז נישט ווי אברהם. אברהם האט געוואוינט צווישן גוים, און אזוי האט ער זיך אויסגעארבעט, און יעקב האט דאס נישט געהאט, האט דער אייבערשטער צוגעפירט אז עשו זאל וועלן הרג'ענען יעקב, און יעקב וועט מוזן אוועקגיין צו לבן אין שטוב, און ער וועט זיצען ביי לבן צוויי און צוואנציג יאר, וועט ער אויסוואקסען דאס וואס אברהם איז געווען, אז אין א גוי'ש שטוב איז ער אויסגעוואקסען, און ער האט זיך געפירט ערליך. איז דאס וואס ער איז אוועקגעגאנגען פון יצחק'ס שטוב צו לבן, דאס האט אים געמאכט פאר א כלי אז ער זאל קענען מקבל זיין די ברכה. ווייל טאמער ער וועט נישט זיין ביי לבן אין שטוב, נאר ער וועט זיין א יושב אהלים, איז ער נישט א כלי אז ער זאל קענען מקבל זיין די ברכות אברהם.

**עשו** איז געווען ברוגז אויף יעקב אז ער האט מקבל געווען די ברכות, און ער האט אים געוואלט הרג'ענען, און ער האט גורם געווען אז יעקב זאל מוזן אוועקגיין פון שטוב. נישט ער האט זיך אפגערעכנט מיט אים, און ער האט גורם געווען אז יעקב זאל אוועקגיין פון שטוב, נאר ער האט געמאכט אז יעקב זאל קענען באקומען די ברכות. ווען יעקב קומט נישט אן צו לבן אין שטוב, האט ער נישט די ברכות אברהם, ווייל ער קען נישט מקבל זיין די ברכות אברהם ביי יצחק אין שטוב. דער עשו וואס ער איז געווען ברוגז פארוואס מען האט אים נישט געגעבן די ברכות, ער אליין האט געמאכט יעקב פאר א כלי אז ער זאל קענען זיין ראוי מקבל צו זיין די ברכות וואס ער האט באקומען פון יצחק. - און דאס איז אויך דער סימבאל פון יוסף, אז מען קען נישט משנה זיין

דעם רצון ה'. און וואס עס איז אנגעשריבן אויבן אין הימל, דאס וועט מען באקומען.

**און** יוסף ווייזט אויך, אז די חשיבות פון תורה און עבודת ה' איז נישט נאר דעמאלטס ווען מען איז א איש תם יושב אהלים, נאר פארקערט, ווען מען דרייט זיך ארום אינדרויסן אין די גאס, און מען האט די נסיונות וואס די גאס ברענגט מיט זיך, און פון דעסטוועגן דאך פירט מען זיך ערליך, דאס איז די כלי אז מען זאל קענען מקבל זיין די ברכות. יעקב האט נישט געקענט זיין א כלי אויף מקבל צו זיין די ברכות, ביז ער איז נישט אנגעקומען צו לבן אין שטוב. און נאכדעם וואס יעקב האט מקבל געווען די ברכות, און יעקב איז יעצט דער געבענטשטער, און ער דארף איבערגעבן די ברכות פאר א דור ווייטער, פארוועם קען ער איבערגעבן די ברכות? אלע זיינע קינדער זענען נתחנך געווארן אין א הייליגע שטוב, קיינער האט נישט די מעלה וואס אברהם האט געהאט, און קיינער האט נישט די מעלה וואס יעקב האט געהאט אז ער איז געווען בבית לבן, פארוועם קען ער יעצט איבערגעבן די ברכות אברהם וואס ער האט? איין קינד האט ער געהאט וואס האט געקענט מקבל זיין די ברכות, יוסף הצדיק. יוסף איז צוויי און צוואנציג יאר געווען אין מצרים אין ערות הארץ, און געדינט דארט דעם אייבערשטען, און ער איז אויסגעוואקסן א יוסף הצדיק, ער איז א כלי וואס קען מקבל זיין די ברכות. און די ברודערס וואס האבן אים פארקויפט קיין מצרים, וואס זיי האבן געוואלט אונטערברענגען יוסף, נישט נאר זיי האבן אים נישט אונטערגעברענגט, נאר זיי האבן אים געמאכט אז ער זאל גיין קיין מצרים, און ער זאל ווערן א כלי מקבל צו זיין די ברכות יעקב, און די ברכת אברהם זאל אריבערגיין פאר יוסף. - און דאס איז די חשיבות פון עבודת ה', נישט ווען עס קומט אן גרינג, נאר ווען עס קומט אן שווער און מען האט נסיונות, און פון דעסטוועגן דאך דינט מען דעם אייבערשטען, דעמאלטס האט א חשיבות די עבודה וואס מען טוט.

**ווען** יעקב האט געבענטשט יוסף האט ער אים געזאגט, ברכות אביך גברו על ברכות הורי, מיינע ברכות זענען גרעסער פון די ברכות פון מיינע עלטערן. פארוואס האב איך באקומען די ברכות פון מיינע עלטערן, ווייל איך בין געווען ביי לבן אין שטוב, איז וועגן דעם תהיין לראש יוסף ולקדקד נזיר אחיו, די ברכות קען איך איבערגעבן פאר יוסף, ווייל ער איז דער איינציגסטער וואס איז געווען אפגעשיידט פון די ברודערס, ער איז נישט געהאדעוועט געווארן ביי יעקב אין שטוב, נאר ער איז אנגעקומען קיין מצרים, וועגן דעם איז ער ראוי אז ער זאל קענען מקבל זיין די ברכות. ווייל די חשיבות פון עבודת ה' איז, ווען עס קומט נישט אן גרינג, נאר מען האט נסיונות און מען דרייט זיך ארום אויף די גאס, ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם (תהלים קו-לה), און פון דעסטוועגן דאך פירט מען זיך אויף ערליך, דארט איז די עיקר ברכה וואס א יוד איז זוכה.

**דער** בר מצוה בחור קומט אריין לעול המצות, ער איז מקבל דעם יצר טוב מיט א שמחה, ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטען. ער איז נתחנך געווארן אין א גוטע שטוב, וואו ער האט נאר צוגעזען גוטס פאר די אויגן, איז נישט קיין חידוש אז מען וואקסט אויס אז מען פירט זיך אויף ערליך, עס איז נאטורליך אז מען וואקסט אויס גוט. די נסיונות פון א יוד איז די קבלת עול, וואס א יוד דארף מקבל זיין עול מלכות שמים, אז אפילו ווען עס קומט זמנים וואס מען ווערט עלטער, און דער יצר הרע פארלייגט זיך אויף א מענטש, און מען האט נסיונות פון אינדרויסן וואס איז אנדערש ווי דער שטוב, זאל מען זיך קענען האלטן פעסט און ערליך, און נישט אוועקגיין מדרכי אבותיו, דאס איז דער נסיון וואס האט די חשיבות פון עבודת ה'. און דאס איז די קבלת עול וואס א יוד איז מקבל אויף זיך דעם עול מלכות שמים. יעצט איז עס נאכנישט קיין עול, יעצט פאר מען האט נאך געהאט דעם יצר טוב, און מען געפונט זיך אין אהלה של תורה, און מען זיצט און לערנט פלייסיג, איז זייער שיין און חשוב. אבער נישט דאס איז די נקודה וואס איז חשוב, די נקודה וואו עס איז חל די ברכה איז ווען מען האט נסיונות, און פון דעסטוועגן דאך נעמט א מענטש אויף זיך, נישט צו קוקען אויף קיין שום זאך, נאר גיין בדרכי התורה און זיך פירן ערליך. ווי שווער עס זאל נאר נישט אנקומען, פון דעסטוועגן דאך רירט מען זיך

ניש‍ט אוועק פון דרכי אבותיו, דאס איז די קבלת עול וואס מען דארף מקבל זיין אויף זיך בשעת מען גייט אריין לעול המצות.

**און** דאס דארף מען וויסען אז וואס עס איז אנגעגרייט פאר א מענטש, וועט ממילא אנגעקומען. אין אדם נוגע במוכן לחבירו, קיינער קען נישט אוועקנעמען פונעם צווייטען, און קיינער קען אים גארנישט צוגעבן, אלעס איז אנגעשריבן אויבן פאר יעדן איינעם וואס ער דארף צו האבן. ווען א מענטש לעבט מיט דעם, גייט אים אדורך דאס גאנצע לעבן מיט א רואיגקייט, ווייל מען ווייסט אז אלעס איז מן השמים, מפי עליון לא תצא הרעות והטוב (איכה ג-לח), פונעם רבונו של עולם האט מען נאר גוטס.

**וויל** איך וואונטשען פארן בר מצוה בחור, דער אייבערשטער זאל געבן, אז מיר זאלן קענען זעהן ביי אים אסאך יודיש נחת, און ער זאל וואקסען ווייטער גרויס אין תורה און עבודת ה', מיט א קבלת עול. אלע שווערקייטן וואס מען גייט אדורך אינעם לעבן, זאל מען נישט פארגעסן פון די תורה, און פונעם רבונו של עולם. איך וויל וואונטשען פאר מיין חשוב'ן איידעם, און מיין חשובע טאכטער, אז דער אייבערשטער זאל זיי געבן אסאך נחת דקדושה פון אלע זייערע קינדער. און פאר מיין חשוב'ען מחותן זאל זיין געזונט, מיר זאלן זעהן אינאיינעם בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. דער באשעפער זאל געבן פאר ענק אלע, יעדער אין זיין שטוב, אז מען זאל זעהן אסאך יודיש נחת ביי די קינדער און אייניקלעך, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שני פרשת שמות***

תפלת שחרית התפלל **רבינו שליט"א** בהיכל הישיבה קטנה ביחד עם בחורי הישיבות. לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לנכדו הבחור **משה מרדכי צבי הלברשטאם** נ"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו לפאלם ספרינגס למנוחה.

*

***יום חמישי פרשת שמות***

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** ביחד עם **כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א** לראות הבנין החדש של הבית המדרש בפאלם ספרינגס.

*

***שבת קודש פרשת שמות***

התפלות וסעודה שלישית התקיימה בבית המדרש חב"ד בעיר. – **רבינו שליט"א** כיבד את **הגה"צ אב"ד סארוואש שליט"א**, באמירת סדר הזמירות וה' מלך.

באמירת דברי תורה ביאר **רבינו שליט"א** בכמה אנפין בטעם שנקרא רחל בשם 'רחל אמנו', הגם שרק ב' שבטים יצאו ממנה. ובתוך דבריו הטעים לבאר שזהו לפי שיוסף לימד לבני ישראל היאך להחזיק מעמד בקדושה וטהרה גם בתוך ערות הארץ כמצרים, והמלמד לבן חבירו תורה כאילו ילדו (סנהדרין יט:). וזהו רחל מבכה על בניה כי איננו, שאם אין כלל ישראל מתנהגים כראוי, לא נקראו עוד בניה, ועל זה בכייתה על 'בניה' כי איננו עוד בן. - **רבינו שליט"א** כיבד את **הגה"צ אב"ד סארוואש שליט"א** בברכת המזון.

* * *

***שבת קודש פרשת וארא***

התפלות וסעודה שלישית התקיימה בבית המדרש חב"ד בעיר. – באמירת דברי תורה האריך **רבינו שליט"א** לבאר ניסי מצרים וקריעת ים סוף, שהטביע אותם הקב"ה בבריאת העולם במערכת הטבע, שבאותו הזמן והמקום יעשו האותות והמופתים לכלל ישראל. - **רבינו שליט"א** כיבד את הר"ר **פייש הערצאג** הי"ו בברכת המזון.

* * *

***יום שני פרשת בא***

בשעות הבוקר הגיע **רבינו שליט"א** למעונו, בחזרה ממנוחתו בפאלם ספרינגס.

בשעות הערב הגיע לבית **רבינו שליט"א** מחותנו **הגה"צ רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א** ר"י מונקאטש להזמין את **רבינו שליט"א** לנישואי בתו בשעטומ"צ.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו שליט"א התעניין על נסיעתו לקברי אבותיו בעיר מונקאטש**

**ר"י מונקאטש:** ווען איך בין געווען אין די שטאט מונקאטש, בין איך געווען אין די טאג פונעם **בני יששכר'ס** יארצייט. ח"י טבת ביינאכט זענען מיר אנגעקומען אהין. און איך האב געהאט א ספק צו איך זאל פארן א גאנצע נאכט קיין דינוב (מקום מנוחתו של **הבני יששכר זי"ע**). און איך האב געפרעגט מיין טאטן, האט ער מיר געוויזען דעם **פארציוועור רבי'ס** צוואה, [די וואך פרייטאג איז זיין יארצייט ז' שבט], וואס ער שרייבט דארט, אז ווען עס וועט זיין יציאת נשמה, זאל מען שיקן שלוחים על מקום מנוחת אבותיו זאגן אז זיין נשמה קומט ארויף. און ער רעכנט אויס, וואו מען זאל שיקן. קיין סאסוב, און צו **רבי יהושע מאוסטרובא**, ובמונקאטש אצל **הבני יששכר**. זעהט מען אז מען קען זיין אין מונקאטש, און זיין ביים **בני יששכר**.

**רבינו:** ווען מען איז דבוק אין יענעמס תורה.

**ר"י מונקאטש:** עס איז היינט נאכט (ד' שבט) די יארצייט פון **רבי משה לייב סאסוב'ער זי"ע**.

**רבינו:** דעם טאטנס נאמען איז פארבינדען מיט **רבי משה לייב סאסובער זי"ע**?

**ר"י מונקאטש:** יא. דער טאטע הייסט נאך **רבי משה לייב סטריזשוב'ער זצ"ל**, און ער האט געהייסען נאך **רבי משה לייב סאסובער**. ער איז געווען א אייניקל, ווייל דער **שם שלמה** איז געווען א איידעם ביי **רבי שמעלקא סאסוב'ער זצ"ל** (בן **הרה"ק רבי משה לייב מסאסוב זי"ע**), און מען האט אים א נאמען געגעבן נאכן זיידען.

**רבינו:** וואו ליגט **רבי משה לייב סטריזשובער**?

**ר"י מונקאטש:** אין אונגווער. עס איז א מעשה פלא. דער אייבערשטער פירט זיין וועלט. נאכן הסתלקות פונעם **שם שלמה**, איז געבליבן דער **דרכי תשובה**, און דער ברודער **רבי משה לייב סטריזשובער**. און דער **דרכי תשובה** האט ממלא מקום געווען, און דער ברודער **רבי משה לייב**, איז געווען אביסל גבה טורא ביניהם (מלשון חולין ז:). ער איז געווען אין סטריזוב, און ער איז כל ימיו געווען א בעל יסורים.

ווען **רבי משה לייב סטריזובער** איז נסתלק געווארן איז דער **מנחת אלעזר** שוין געווען דעמאלטס רב אין מונקאטש, און מען האט געשיקט א טעלעגראם אז מען ברענגט אים צו קברי אבותיו, נעבן דעם **שם שלמה**. און דער **מנחת אלעזר** האט געהאלטן אז עס איז נישט אויסגעהאלטן על פי הלכה, ווייל עס שטייט אין **שלחן ערוך** (יו"ד סימן שס"ב סעיף ו') אז צוויי מענטשען וואס האבן נישט געלעבט בשלום, זאל מען נישט לייגען איינס נעבן צווייטען. דער **דרכי תשובה** איז שוין געלעגן דארט, האט ער געהאלטן אז מען טאר נישט. און דער **מנחת אלעזר** האט נישט געוואלט אז ער זאל זיין דער וואס זאגט אז מען טאר נישט, האט מען געשיקט צום **אונגוואר'ער רב** פרעגן די שאלה, און ער האט געפסקנט אז מען טאר נישט. איז מען געגאנגען און מען האט געבויט א אהל, ממש וואנט ביי וואנט, אין איין אהל ליגט דער **שם שלמה** און דער **דרכי תשובה** און שפעטער דער **מנחת אלעזר**, און אין דעם אנדערן אהל האט מען געלייגט דעם **רבי משה לייב סטריזובער**. מצד אחד איז עס סמוך, און מצד שני איז עס א עקסטערע אהל. אזוי האט דער **מנחת אלעזר** געטון.

אין די אנפאנג די תש"ל יארן איז געקומען א ידיעה אז די רשעים דארט האבן א חוק, אז פינף און צוואנציג יאר נאכדעם וואס מען לייגט דעם לעצטן נפטר לעגאל, האבן זיי א רעכט מפנה צו זיין דעם בית החיים. און דער חוק זאגט, אז מען מוז מודיע זיין, אז טאמער עס איז דא משפחה וואס ווילן מפנה זיין, קען מען בעטן אן ערלויבעניש אריבער צו פירן. און לכבוד דעם האבן זיי אריינגעלייגט א קליינע מודעה אינעם לאקאלן צייטונג. פארשטייט זיך אז די ערשטע זאך האט מיין טאטע אריינגעגעבן אז ער איז משפחה, און ער בעט אן ערלויבעניש אז ער וויל אריבערפירן. און ער האט געבעטן אן ערלויבעניש אריבערצופירן דעם **שם שלמה** מיט זיין רעבעצין, און דעם **דרכי תשובה** מיט זיין רעבעצין, און דעם **מנחת אלעזר** [די רעבעצין איז אוועק אין אושוויץ], און **רבי משה לייב סטריזובער**. און עד היום ווייסט מען נישט פארוואס, אבער פאר די ערשטע פינף האט ער באקומען לעגאל ערלויבעניש, און **רבי משה לייב** האט מען אפגעזאגט, און מען האט נישט באקומען ערלויבעניש אריבערצופירן.

פארשטייט זיך אז מען וועט אים נישט איבערלאזן, איז מען געפארן פון דא א מנין, און מען האט אלע מפנה געווען, אבער מען האט אים נישט געקענט מפנה זיין אין מונקאטש, איז די נאנסטע געווען אין אונגווער. און די איבריגע פינף האט מען געלייגט אין מונקאטש אין דעם אנדערן בית החיים. למעשה האבן זיי בחסדי ה' נישט אויפגעגראבן דעם בית החיים, אבער עס איז נישט דא קיין מצבות. לעצטנס האט מען געמאכט מיט שתדלנות אז מען האט עס אויסגעשטעלט מיט קליינע מצבות, כדי עס זאל הייסען א מוזעאום, וואס דעמאלטס איז שווערער אז מען זאל עס מפנה זיין.

עס איז דא נאך א מעשה פלא, ווען **רבי שמעלקא סאסובער** איז נפטר געווארן, ער איז געווען א בן יחיד פון **רבי משה לייב**, און דער שווער פונעם **שם שלמה**, האט די משפחה געשיקט קיין מונקאטש צום **שם שלמה** אז ער זאל שרייבן די נוסח פון די מצבה. און בינו לבינו האט מען באשטעלט א צווייטע מצבה. און דער **מנחת אלעזר** האט אריינגעשטעלט אין זיין מאמר מילי דהספידא די נוסח המצבה וואס דער **שם שלמה** האט געשריבן, עס זאל בלייבען למשמרת די נוסח וואס דער **שם שלמה** האט אויסגעשטעלט צו שרייבען אויף די מצבה.

נאך די וועלט מלחמה, איז נישט געבליבן גארנישט פונעם בית החיים, מען ווייסט ווי ער ליגט, אבער עס איז נישט דא קיין שום מצבות. - ער ליגט נישט אין סאסוב, נאר אין יאגלניצא עס איז אויך א מעשה פלא, מיין זיידע ז"ל, מיין טאטעס טאטע שרייבט עס אין זיין ספר, אז **רבי משה לייב סאסובער** איז אמאל געווען אין די שטאט יאגלניצא א שטאט אין גאליציע, און די תושבים פונעם שטאט האבן אים געבעטן אז לאחר מאה ועשרים זאל ער קומען ליגן מיט זיי, כדי זיין זכות זאל מגין זיין. האט **רבי משה לייב** געזאגט, איך האב שוין צוגעזאגט אין סאסוב, עניי עירך קודמין, אבער מיין קינד וועט ליגן דא. און זיין זון **רבי שמעלקא** האט געוואוסט פון דעם, און כל ימיו איז ער קיינמאל נישט אריינגעפארן אין דעם שטאט. אבער עס איז דאך אין עצה ואין תבונה נגד ה', איינמאל איז ער געווען אונטערוועגענס, און ער האט זיך נישט גוט געפילט, און מען איז אהין אריינגעפארן, און נאכדעם האט ער געפרעגט וואו בין איך, האט מען אים געזאגט אין יאגלניצא און דעמאלטס איז געווען זיין הסתלקות.

למעשה מיט עטליכע יאר צוריק, איז געווען א יוד רבי לייב גראס, וואס האט אויפגעזוכט דעם מקום מנוחתו פון **רבי שמעלקא**, און ער האט געוואלט לייגען א מצבה, און דעם ארגינעלן נוסח המצבה האט ער נישט געהאט, האט ער געלייגט דעם נוסח וואס דער **שם שלמה** האט געשריבן. דריי פיר יאר שפעטער נאכדעם וואס מען האט געמאכט דעם מצבה, האט מען געטראפן אין עפעס א ירחון די נוסח פון די ארגינעלע מצבה.

**ר"י מונקאטש הזמין את רבינו שליט"א לנישואי בתו בשעטומ"צ, ורבינו שליט"א מסר לידו הספר החדש 'שמניך טובים'**

**ר"י מונקאטש:** דער **מנחת אלעזר** האט נאכגעזאגט פונעם **רבי פון לובלין**, אז די משנה (תענית כו:) זאגט משנכנס אדר מרבים בשמחה. 'מרבים' איז טייטש, אז עס איז שוין דא א שמחה פון פריער, און יעצט איז מען מרבה אין די שמחה. ווען פאנגט זיך אן די שמחה? האט ער געזאגט, אז עס פאנגט זיך אן אין חודש שבט, און ווען עס קומט אדר איז מען מרבה אין די שמחה. האט דער **רבי פון לובלין** געזאגט א רמז, ויצחק בא מבוא באר לחי רואי (בראשית כד-סב), יצחק איז א לשון שמחה, 'ויצחק בא', ווען הייבט זיך אן די שמחה, 'מבוא באר', פון ווען עס שטייט בעשתי עשר חודש באחד לחודש הואיל משה 'באר' את התורה הזאת (דברים א-ג), דעמאלטס איז יצחק בא, דעמאלטס הייבט זיך אן די שמחה. און חודש אדר איז מען מרבה אין די שמחה.

*

***יום שלישי פרשת בא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך בחן חלק מתלמידי הישיבה גדולה על החזרה של שו"ע סימן שי"ט וש"כ (הל' בורר וסחיטה), והתפלל שם תפלת מנחה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **עמרם הירש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ברוך יודא גאנץ** הי"ו, שהתקיים באולם די מארקיז. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **משה אהרן גאנדל** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יוסף יוחנן לאנדא** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יודא פנחס שטראהלי** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ישראל שפיטצער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת בא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך בחן חלק מתלמידי הישיבה גדולה על החזרה של שו"ע סימן שי"ט וש"כ (הל' בורר וסחיטה), והתפלל שם תפלת מנחה.

אחר מנחה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל הר"ר **זלמן לייב ווייס** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

אחר כך עלה **רבינו שליט"א** לביקור אצל הר"ר **הערשל שפיץ** הי"ו (בעל האכסניא בפאלם ספרינגס).

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של בן **הרה"ג רבי זושא כ"ץ שליט"א**, עב"ג בת **הרה"ג רבי ישעי' טייטלבוים שליט"א**, שהתקיים באולם פרדס צבי.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של בן הר"ר **משה יודא פריעדמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אהרן יונתן ראזענטהאל** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הקבלת פנים של בן **הרה"ג רבי אלעזר דוד פאללמאן שליט"א**, עב"ג בת מחותנו **הגה"צ רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א** ר"י מונקאטש, שהתקיים בבית המדרש מונקאטש.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל השבע ברכות שנערכה על ידי מתפללי בית מדרשנו התאחדות אברכים לכבוד שמחת הנישואין של בת הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א, עב"ג בן הרה"ג רבי **שלמה לייזער** שליט"א, דומ"ץ דקהל שפע חיים צאנז (ב"פ). השבע ברכות התקיים בהיכל הבית המדרש. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר השבע ברכות השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן ש"ב הרה"ג **שמואל יהודא זילבער** שליט"א (בן כ"ק הגה"צ אבד"ק תולדות יהודא שליט"א, חתן כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א), עב"ג בת הרה"ג רבי **יעקב יוסף מאיער** שליט"א ר"י בית בנימין סטעמפארד, שהתקיים באולם ווילהאוויץ. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן ועם אחיו **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א**, ושאר המחותנים וקרובי המשפחה שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת בא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **זלמן לייב מארך** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדיים.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת מרת הארענשטיין ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת קודש פרשת בא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הרב **אשר יואל פאללאק** שליט"א. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת בא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד הבחור בנש"ק **משה מרדכי צבי הלברשטאם** נ"י.